RG 85 Shalom Schwarzbard Papers (Tcherikower Archive) In krig mit zikh aleyn - Typescript 1928, circa 1933 Folder 892

N 2.

[illegible]

[illegible]

M. Simon SCHWARTZBART

2, rue de Provence

=

70559

~~70550~~

70560

א ~~קלײנע~~ ערקלערונג:

---

פאר די לייענער װאס װעלן זיך מסתמא װאונדערן װאס דאס בוך מיט'ן
שלאכט װעלכעס איז א זאמלונג פון באפירצן פון א אידישן פרייװיליגן גע-
שריבן אין פראנט און לויף פון די געשעהענישן, ערשיינט אצינד 15 יאר נאך
די פאסירונגען, אין דער צייט װאס די קריגס-ליטעראטור איז שוין לאנג ארויס
פון דער מאדע בא די עומות העולם און ביי אידען קיין מאל קיין פלאץ ניט גע-
האט.

אין סעפטעמבער 1924 איז געװארען צען יאר פון דער מארנער-שלאכט.
צו דער געלעגענהייט פון דער פייערליכקייט זיינען געקומען צו דער געװעזענער
פעסטונג פון פױפעט דער פראנצויזישער עקס-מאזשאר, ציװילע שטאטס-מענער
און אפילו אקאדעמיקער פון פאריז. דער קארדינאל פון רעמס מיט
זיין סװיטע זיינען געװען די פראמינענטסטע געסט; דער הייליקער האט דערציילט װי די
טויזנטער און טויזנטער סאלדאטן זיינען געקומען צו אים נאך א ברכה פאר'ן
אװעקגיין אין שלאכט און געבעטן זיין חתיחה אלעס קממה צו שטארבן אין שוץ
פון גלויבן, און װאס ער האט אלעס אויסגעטאן פאר דער הייליגער זאך, פאר'ן
נחת-רוח פון גאט און צופרידענהייט פון די מענשען.... פון די פראנשעען קיין
סעלערי, װאו ס'האט זיך צעװאקסען א גרויסער נייער בית-עולם, א בוילעטער עדות
פון דעם מארנער „זיעג'' און די שפעטער נאכקומענדיגע זיגען, איז גאר א
קורצער מהלך. דארטען האט דער קארדינאל װידער געגעבען זיין ברכה די לע-
בעדיגע און באדראיגט די טויטע. א עקלעזיאסטיקער, איינער פון די באגלייטער
פון קארדינאל, האט צװישען די אלע פענער דערזען א אידישע װייס-בלויע פאהן,
מיט א מגן דוד אין מיטען. ער איז צוגעגאנגען צום קארדינאל און אים אזאג
געטאן:-אייער עמינענס װייסט, אז ס'זיינען דא אידישע סאלדאטן ? װי אזוי
װייסט איר דאס ? - גיט זיך דער קארדינאל א כאפ װי אפגעבריהט. - אט איז
דא א אידישע פאהן, א ביסעל רעכטס פון אייער עמינענס און דער װאס טראגט זי,-

איז אַ בלינדער, געפֿירט פֿון צוויי קריגס-אינוואַלידען. - איז דאָס מעגליך, אַז זיי זיינען געווען אין קריג?...- האָט דער הייליגער מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכעל פֿאַרענדיגט דאָס געשפּרעך.-

דעם 9 מאַי 1925 צום זעכסטען יאָרצייט פֿון די שלאַכטען ביי אַראַס האָט מען ביי דער געלעגענהייט אויפֿגעדעקט דעם מאָנומענט אויפֿ'ן [illegible] „~~104~~ 140“ פֿון [illegible] קאָלאָנעל פֿאַן פֿון אַלע געפֿאַלענע אָפֿיצירען און סאָלדאַטען סיי פֿון פֿרעמדן לעגיאָן, סיי פֿון דער מאַראָקאַנער דיוויזיע, וואָס האָט געהאַט איר דעוויז: אָהן מורא און אָהן רחמנות. דאָס מאָל-זענען געווען די גענעראַלן וואָס האָבן קאָמאַנדירט מיט די דיוויזיעס און די שלאַכטען, וועלכע האָבן מערסטענס געווען ביי דער צערעמאָניע, דערציילט די העלדישקייט פֿון די אָפֿיצירען און סאָלדאַטען. אונזער גענעראַל, וואָס האָט געפֿירט די אַטאַקען האָט אַפֿילו ניט פֿאַרגעסען צו דערמאָנען דעם איינציגען אַמעריקאַנער פֿרייוויליגען וואָס איז געפֿאַלען פֿאַר פֿראַנקרייך ביי דער ערשטער אַטאַקע, און פֿאַרשטענדליך ניט פֿאַרגעסען די שוועדען, האָלענדער, שווייצער, פּאָליאַקען, רומענער, וואָס האָבן פֿרייוויליג אַוועקגעגעבן זייער לעבען פֿאַר פֿראַנקרייך. און ווי שטענדיג אין אַזעלכע פֿאַלען, קיין וואָרט ניט דערמאָנט אַז אויך אידען זענען געווען צווישען די אַלע וואָס זיינען פֿרייוויליג געגאַנגען שטאַרבן פֿאַר פֿראַנקרייך מיט אירע טראַדיציאָנעלע פֿרייהייטען און עמאַנסיפּאַציע.

פֿאָהרענדיג אויף דער באַן, צוריק קיין פּאַריז פֿון דער פֿייערונג, איז אין מיר געבוירען געוואָרען דער געדאַנק צו דרוקען, אויב ניט דעם גאַנצען בוך, איז כאָטש איין עפּיזאָד פֿון די באַוואוסטע שלאַכטען. אין אַזאַ וואָכען שפּעטער איז ערשינען אין „פּאַרי-סואַר“ „צלם און שווערד“ פֿון דער געשיכטע פֿון אַ אידישען פֿרייוויליגען. דער רעדאַקטאָר האָט צוגעשריבען צום אַרטיקעל: אַז כאָטש זיי זענען ערשט ווייט פֿון קריגס-ליטעראַטור, גיבען זיי דאָך דעם עפּיזאָד, וואָס איז געשריבען פֿון איינעם, וואָס איז פֿרייוויליג געגאַנגען פֿאַרטיידיגען פֿראַנקרייך, צום אָנדענקונג פֿון די געפֿאַלענע טויזענטער פֿרייוויליקע פֿון אַלע עקען וועלט, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבען פֿאַר [illegible] אידעאַל. און גלייכצייטיג איז

דערזעלבער עפיזאד ערשינען אין די פאריזער בלעטער מיט א גרופען-בילד פון
אידישע פרייוויליגע. דאס איז געווען א ענטפער אבער ניט קיין צופרידנשטעלנ-
דער פאר די טויזנטער אידישע פרייוויליגע געפאלענע און ~~אאאאאאאא~~ פארקרי-
פעלטע.

צום ענדע פון דעם ~~לעצטן~~ יאר בין איך געקומען זיך איינשרייבען אלס
מיטגליד אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק. דער סעקרעטאר, א מאן פון די פופ-
ציגער מיט א בלאנדער קאנדיקער בארד גיפלאכטען צעפענס פון גראע האר, האט
מיך אויסגעפרעגט געוויסע פארמאליטעטען. צווישען אנדערע האט ער מיך גע-
פרעגט צו איך האב שוין עפעס געשריבען. - א ליידער ביכעל פון קריג און איך
וויל ארויסגעבען די געשיכטע פון א אידישען פרייוויליקן אויף'ן פראנצויזישן
פראנט.-

- וואס,-גיט ער זיך א כאפ אויף - איר גייט ארויסגעבען א בוך פון א אי-
דישן פרייוויליקן אין דער גרויסער קריג ?- טרעביען! טרעביען! איך ווינש
אייך דעם בעסטן ערפאלג! גוט דאס וואס גיכער, מיין פריינד. זאל די וועלט וויסען!
גיט, גיט! האלט ער אין איין איבערחזר'ן

און נאך יעדער האב איך ניט געהאט צו באגרייפען וואס ער וויל פון
מיר און וואס פלוצלונג אזא באגייסטערונג פון א מענשען וואס קען מיך ניט
און זעט מיך דעם ערשטען מאל. האט דער סעקרעטאר געכאפט מיין האנד און זי
פעסט געדריקט. - בעסטן און שנעלסטן ערפאלג ווינש איך אייך, מיין פריינט, אין
אייער ארבעט. זאל איך ניט וואונדערן,-גיט ער צו- וואס איך בין אזוי בא-
גייסטערט פאר אייער זאך. איך וועל דאס אייך ערקלערן.: - אין צייט פון קריג,-
-זעצט ער אפ אין איין אטעם, בין איך געווען געשיקט פאר א וויסענשאפטליכער
מיסיע קיין אינדאשין. מיט מיר זענען אויך געווען צוויי אידען, וואן זיי זיינען
געווען רעפארמירטע סאלדאטען, נאר ניט קוקענדיג דערויף, האבען זיי זיך פריי-
וויליג אנגאזשירט אין דער צייט פון קריגס-ערקלערונג און זיך געלאזט קארען
~~אאא~~ קיין פראנקרייך, ניט רעכענענדיק זיך מיט די געפארען וואס האבען דאן גע-
הערשט אין די ימען

70563



איינער פון זיי איז באלד געפאלען אין שלאכט, א קורצע צייט נאך דעם וואס ער איז געקומען אויפן פראנט. דער צווייטער, מיין בעסטער פריינט, איך האב נאך די בריוו וואס ער פלעגט מיר שרייבן פון פראנט, איז אומגעקומען אין יאר 1918. אחוץ דעם, וואס איך ווייס פערזענליך פון אסך אידען, וואס זיינען געווען גוטע, געטרייע, איבערגעבענע פאטריאטען, וואס זענען געפאלען אין קריג. איך קען אפשר וואס זענען צוריקגעקומען קריפלען און אנדערע - וואס מען ווייסט ניט פון זייערע געבייטען. און דא הער איך פון אלע זייטען שרייען: אז אידען זענען ניט געווען אין קריג, אז זיי זיינען געווען [illegible] און נאך אזוינע אומגעלומפערטקייטען ..... נו איז די איינציגע זאך, וואס קען זיי מאכען שווייגען, די פאר-לוימדער, איז אזא בוך, ווי אייער'ס. זאלען זיי זען און זיך איבערצייגען, אז אידען זיינען געטרייע און גוטע בירגער צו זייער לאנד. איך פיל אייך מיט - האט ער צולעצט צוגעגעבען, ווייל איך אליין בין אויך פון א רעליגיעזער מי-נאריטעט, וואס ווערט פארפאלגט און דערפאר פיהל איך מיט די אידען, וואס ווערען פארפאלגט פון אלעמען און אלע צייטען און פארשטויסען און אונטערדריקט, ווייל זיי זיינען א מינדערהייט.

פון דאן אן איז דאס ארויסגעבען פון מיין בוך, געווארען ביי מיר א פעסטער באשלום.....

70564

# פּראָלאָג.

אמאָל האָט א גאָט אזוי לאַנגווײַליקט אַראָפּגענידערט פון זײַנע הויכע הימלען אויף דער ערד, צו זען ווי ס'לעבן זיך די מענטשן-קינדער.— דאָס ערשטע וואָס ער האָט דערזען איז געווען א קאַמף צווישן צוויי ברידער. האָט ער זיך אָנגענומען די קריוודע פונם שוואַכן און באַשטראָפט דעם אומגערעכטן. אזוי ווי ענלעכע עוולה האָט ער אומעדום באַגעגנט, האָט ער זיך באַזעצט צווישן די מענטשן און א צופרידענער זיך זײַ גענומען פאַרטײלן יושר און גערעכטיקייט. ~~צו~~ זענען אָבער מיט דער צײַט די מענטשן געוואָרן אזוי שלעכט און פאַרדאָרבן, אז דער גאָט האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען אין זײַן גאַנצער לאַנגער מי און אַרבעט אײַנצופירן דעם יושר צווישן די מענטשן-קינדער. איז ער אַרײַן אין א גרימצאָרן און אָפּגעבראַכט א מבול צו פאַרטרינקען אַלע מענטשן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַדענקט, ניט געוואָלט אומברענגען די גאַנצע וועלט_די ווערק פון זײַנע הענט_ און אַרויסגעראַטעוועט עטלעכע פון זיי; ער האָט אויף ס'ניי זיי געלערנט יושר און משפּט.

ס'איז אוועק פיל צײַט. די מענטשן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו זינקען אין זינד און אין רשעות. דער גאָט איז אַרומגעגאַנגען צווישן די מענטשן א פאַרשטעלטער, צוגעזען אַלע עוולות און שענדלעכקייטן וואָס האָבן זיך אומעטום און אין יעדן מאָמענט אָפּגעטאָן אונטער דער זון און ווידער זיך באַדענקט און חרטה געהאַט וואָס ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן

אײנמאָל, וואַנדערנדיק אזוי, האָט ער באַגעגנט א פּאַסטוך מיט א טשערעדע שאָף. דער פּאַסטוך איז געזעסן אויף א שטיין, געשפּילט אויף זײַן פײַפעלע און די שאָף האָבן זיך רואיק געפּאַשעט אַרום אים. פּלוצלונג האָט א קלײן שעפּסעלע זיך אָפּגעטײלט פון דער טשערעדע און געלאָזט זיך לויפן ווײַט, ווײַט. דער פּאַסטוך האָט אויפגעהערט צו שפּילן און זיך גע_

נומען יאָגן נאָכ'ן שעפּסעלע. דאָס שעפּסעלע איז געווען
יונג און פלינק, איז עס געלאָפן שנעלער פונ'ם פּאַסטוך; ס'איז
געלאָפן און געלאָפן ביז עס איז צוגעקומען צו א טײַכל וואַסער.
דאַן האָט זיך דאָס אָפּגעשטעלט און גענומען מיט גרויס חשק צו טרינ-
קען פון וואַסער. דער פּאַסטוך האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס שעפּסעלע איז
אַנטלאָפן פון טשערעדע ווײַל עס איז געווען דורשטיק,- האָט ער עס
גענומען אויף זײַנע אַקסלען און צוריקגעטראָגן אין דער טשערעדע.

70565

ווען דער גאָט האָט דאָס געזען, האָט ער פאַר פרײַד א פּאַטש געטאָן
מיט די הענט--, און א דאָרן-בוים האָט זיך אָנגעצונדן. דורך דעם
ברענענדיקן דאָרן-בוים האָט זיך דער גאָט באַוויזן צום פּאַסטוך און
אים אויסדערוועלט אַלס פּאַסטוך פאַר די מענטשן-קינדער.

-- איך קאָן אָבער ניט רעדן, מײַן צונג איז מיר ווי פאַרלעגערט
און צוגעקלעפּט צום גומען,- האָט דער פּאַסטוך אָנגעהויבן זיך ווערן
און טענה'ען-- צו די מענטשן מוז מען קומען מיט א גלאַטער צונג
און א שענער שפּראַך, און איך האָב דאָס ניט.

-- ניט מיט ווערטער וועסטו די מענטשן איבערצײַגן, נאָר מיט
מעשים. ניט מיט שענע פראַזן וועסטו זיי ברענגען צום קלאָרן פאַרשטאַנד,
נײַערט מיט גערעכטע און שענע טאַטן. און די שליחות זאָל איבערגײַן
צו
דײַנע קינדער און קינדס קינדער נאָך דיר.

זאָגנדיק דאָס, איז דער גאָט פאַרשוווּנדן געוואָרן און זיך
צוריקגעצויגן אין די הימלען אַרײַן.

און דער פּאַסטוך איז געוואָרן דער וועג-ווײַזער און פירער
פון די מענטשן. ער האָט זיי געפירט, ווי פריער זײַנע שאָף, אויפ'ן
רעכטפאַרטיקן וועג.

די נאָכפאָלגער פון דעם גוטן פּאַסטוך זענען שוין אָבער
אין אים ניט געווען גערעכט. דאָס אײנציקע מיט וואָס זיי האָבן

זיך געקאָנט באַרימען איז געווען, אַז זײ האָבן געהאַט אַ זײדן אַ גוטן
פּאַסטוך, און מיט דער דאָזיקער באַרימערײ האָבן זײ זיך געהאַלטן אַ
צײט לאַנג, ביז די מענטשן-קינדער זענען מיד געוואָרן פֿון זײער פּוס_
טער באַרימערײ און גענומען ווידערשפּעניקן אין די פֿירער און לערער,
וואָס רײדן אַסך און באַווײזן גאָרניט, האַלטן שײנע רײדעס און טוען
אַ מיאוסע טאַט. האָבן זיך דאַן די פֿירער באַטראַכט און געקומען צום
באַשלוס, אַז כּדי אײַנצוהאַלטן אין צוים די ווידערשפּעניקע איז נוי_
טאַקע
טיק אויסצוקלײַבן צווישן די זעלבע טערזאַנען וואָס זאָלן זײ
העלפֿן אין זײער אויפֿגאַבע, אַזוי ווי די הינט העלפֿן דעם פּאַסטוך צו
האַלטן אין שרעק די טשערעדע שאָף. האָבן זײ אויסגעקליבן צווישן פֿאָלק
די שטאַרקסטע און צוגלײַך די פֿוילסטע וואָס ווילן ניט אַרבעטן, די אַלע
אָנפֿירער פֿון די ווידערשפּעניקער, און זײ געמאַכט פֿאַר הערשער איבער'ן
פֿאָלק און אין זײערע הענט איבערגעגעבן די פֿירונג, די אָרדנונגס-
שמירה און דעם משפּט... פֿון דעמאָלט אָן פֿירן מענטשן מלחמות; אײן
פֿאָלק פֿאַלט אָן אויף דעם צווײטן פֿאָלק, אײן ברודער באַשווינדלט, באַ_
רויבט און דערמאָרדעט דעם צווײטן ברודער. און ווען די מענטשן ווערן
פֿיזיש און גײַסטיק מיד און האָבן שוין ניט קײן חשק זיך צו אַמפּערן,
קומען די צווינגער און צווינגען זײ דאָס צו טאָן, און באַשטראָפֿן זײ
אַפֿילו און טויטן דערפֿאַר, וואָס אײן ברודער וויל ניט גײן קעגן זײַן
לײַבלעכן צווײטן ברודער...

די צײט איז געלאָפֿן, די מענטשן זענען געוואָרן קלינגער
און אַלץ שווערער און שווערער איז פֿאַר זײ געוואָרן דער יאָך פֿון די
באַצווינגער. ווען זײער געדולד האָט ענדלעך געפּלאַצט, האָבן זײ אַראָפּ_
געוואָרפֿן די פֿירער-פֿאַרפֿירער און די פֿירונג אין די אײגענע הענט
גענומען...

70567

ווי נאָר די אלגעמיינע מאָביליזאציע איז אָפיציעל פּראָקלאַ-
מירט געוואָרן אויף די ווענט פון די רעגירונגס-אנשטאַלטן, זענען באַלד
די פּאַריזער גאַסן פול געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע זענען דורכגעדרונ-
גען געוואָרן מיט איינער-און-דערזעלבער פּאַטריאָטישער שטימונג וואָס האָט
אַרויסגעשטראַלט פון אַלעמענס אויגן, און פון אַלע מיילער האָבן זיך
געלאָזט הערן געשרייען: מיר וועלן גייען!.. באַלד האָבן זיך באַוויזן אַרויס
שווימען אויפ'ן שטראָם פון דער פאָלקס-באַוועגונג,- ווי ס'איז שטענדיג
דער פאַל אין ענליכע מאָמענטן,- דער אָפפאַל פון דער געזעלשאַפט: ליי-
דיגגייערס, שיכורים און ד.גל., מערסטענס יונגע חברה, מיט נאַציאָנאַלע
פאָנען און ווילדע אויסגעשרייען.. ביי יעדן געשעפט, וואָס האָט זיך גע-
שיינט צו זיין ניט קיין פראַנצויזיש לויט'ן נאָמען, האָבן זיי זיך אָפּ-
געשטעלט און גענומען שרייען אַלע אין איין קול: „דאָס איז א באָש!.. —
מער האָט מען ניט געדאַרפט: די שילד איז באַלד געליגן אויף דער ערד
א צעבראָכענע און דאָס געשעפט איז געוואָרן צעפּלינדערט און צערויבט.
אזוי האָבן די ערשטע טעג געליטן פיל אויסלענדישע און אויך פראַנ-
צויזישע געשעפטן-אזעלכע געשעפטן, למשל, פון מאָבליזירטע פראַנצויזן,
וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן צוליב דעם וואָס זייערע פּאַטראָנען און אָנ-
געשטעלטע זענען אוועק דעם ערשטן טאָג פון דער מאָביליזאציע: די חברה
פּאַטריאָטן האָבן די געשלאָסענע געשעפטן אָנגענומען אַלס דייטשע און זיי
צעבראָכן און אויסגעפּלינדערט..

און מער פון אַלע האָט געליטן די פראַנצויזישע מילך-גע-
זעלשאַפט „מ א ג ש י“, וועלכע איז געווען זער פּאָפּולער אין פּאַריז פאַר

70568

אירע גוטע און ביליגע מילך-פּראָדוקטן.. די ראָיאַליסטישע צייטונג „אַקסיאָן פראַנסעז" האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די „מאַזשי"-געזעלשאַפט איז אַ דײַטשע פירמע און האָט בכיוון פאַרקויפט ביליגער מילך און פּוטער, כּדי צו פאַרסמ'ן די באַפעלקערונג: אַמיטן_ דאָס לעצטע יאָר זענען אַסך פראַנצויזישע קינדער געשטאָרבן. מער האָט מען ניט געדאַרפט-און אין „שמע-ישראל" זענען אַלע „מאַזשי"-געשעפטן צעריבט און צעבראָכן געוואָרן, די פאַבריק מיט די מאַשינען איז צעבראָכן און צעשטערט געוואָרן.

דאָס נאָרמאַלע לעבן איז, ווי דורך אַ כּישוף, אָפּגעשטעלט געוואָרן, יעדע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז אַטראָפירט געוואָרן; די גרויסע וועג-ווייזער און פירער, צו וועמען די מאַסן פלעגן אַרויפקוקן און זיך צוהערן, האָבן, נאָכ'ן אומדערוואַרטעטן מאָרד פון ז ש אָ ר ע ס'ן, זיך צוריקגעצויגן אין זייערע באַהעלטענישן, אַז מ'זאָל זיי חלילה ניט אויסגעפינען...

די אידן האָבן פון דעם כּאָס מער ווי אַנדערע געליטן: די פראַנצויזן-צי זיי זענען איינשטימיג געווען מיט דער קריג-פּאָליטיק צי ניין_ האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי זיך צו פאַרטיידיגן.. די אויסלענדער, ווי די דײַטשן און עסטרײַכער, האָבן קיין אַנדער ברירה ניט ווי צו פאַרלאָזן פראַנקרייך אָדער אינטערנירט ווערן. די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן זענען געשטיצט געווען פון זייערע קאָנסולאַטן, אַזוי אַז זיי האָבן געקאָנט רוהיג זײַן. די לאַגע פון די אידן אָבער, די פרעמדע אָנגעפאַרענע אידן פון רוסלאַנד, רומעניע, טערקיי און דג. איז געווען האָפנונגסלאָז.. איבערהויפּט האָבן זיך די פון שטענדיג אָן געטרוושע אידן דערשראָקן די ערשטע פּאָר טעג, זעענדיק ווי אין צענטער פון אייראָפּע, אין הויך-ציוויליזירטן פּאַריז פּאָגראָמירט מען ניט ערגער, ווי אין דעם צאַרישן רוסלאַנד אָדער אין דער אָליגאַרכישער רומעניע; און ווי באַלד

70569

דער מלחמה-קאָשמאַר האָט ניט נאָר אַרײַנגעטראָגן אַ כאַאָס אין די מוחות פֿון פּשוט'ן פֿאָלק, װאָס איז געװאױנט זיך צו לאָזן מיט'ן שטראָם און האָבן ניט קײן אַנדער מײנונג װי די פֿון דער גאַס; אױך די מוחות פֿון די אױסדערװײלטע, סקעפּטיקער און רעװאָלוציאָנערן, װעלכע פֿלעגן זיך קעגנשטעלן יעדער געגעלשאַפֿטלעכער אומגערעכטיקײט, זענען איצט פֿאַרטומלט געװאָרן...

די רעװאָלוציאָנערע עלעמענטן פֿון אַלערלײ שאַטירונגען פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער און לענדער װאָס האָבן זיך צו דער צײט געפֿונען אין פֿראַנקרײַך האָבן ניט געקאָנט אָננעמען קײן זעלבשטענדיקע אַקציע און זענען איבערהױפּט געװען צופֿרידן װאָס מ'לאָזט זײ צורו און פֿרײ אָטעמען אױף גאָט'ס װעלט...

אױך בײ די רעװאָלוציאָנערן פֿון דער אידישער גאַס האָט געהערשט דערזעלבער כאַאָס פֿון צוטומלקײט און פֿאַרלוירנקײט. אַ טײל האָבן זיך אַרײַנגעװאָרפֿן אין אַלגעמײנעם שטראָם און געלאָפֿן זיך אָנגאַזשירן אַלס פֿרײַװיליקע; איבערהױפּט האָבן דאָס געטאָן די רוסיש-אידישע רעװאָלוציאָנערן, װעלכע האָבן געקוקט אין מױל אַרײַן אַזאַ רעװאָלוציאָנערן רײז װי פּ י אָ ט ר  ק ר אָ פּ אָ ט ק י ן און אַנדערע באַװוסטע רעװאָלוציאָנערן װאָס האָבן זיך געפֿונען אין די לענדער פֿון דער אַנטאַנטע און געגאַנגען קעמפֿן קעגן דעם דײטשן מיליטאַריזם און יונקערטום.

אַנדערע האָבן גע'טענה'ט: מיר זענען אַרױסגעפֿאָדערט געװאָרן צום קריג, מוזן מיר זיך פֿאַרטײדיקן. דאָס זיבציקסטע יאָר האָט אונז שױן גענוג אָנגעלערנט, אױפֿגערײצט אונזער שטאָלץ און דערװעקט אַ שטאַרקן האַס צו די יונקערס און מילי-טאַריסטן.

— קײן בערלין! קײן בערלין! װערן די קולות אַלץ שטאַרקער און װילדער.

70570



טע פאגראמירט, מײנט מען דאך מטמא דעם אידין צו טרעפן, אויב ניט הײנט, איז מארגן.. אזוי זענען פילע ארומגעגאנגען אין שרעק פאר'ן מארגענדיקן טאג..

ווער ס'זאל טרײסטן אין אזא "עת-צרה" איז ניט געווען..-אז די פראנצויזישע ריזן האבן פארלוירן דעם קאפ און קוראזש, איז שוין א כל-שכן די אידן... און אז די פירער און פאראנטווארטליכע מענטשן האבן געשוויגן און זיך צוריקגעצויגן, זענען געקומען די פוסטע, אויבער-פלעכלעכע מענטשן און טרײערס מכל המינים און פארנעמען דעם אויבן-אן. אויף דעם "מאנטמארטר", אויפ'ן "בעלוויל" און "באסטיל" (פאריזער ראיאנען באזעצט פון אידן) האבן זיך באוויזן פאלקס-נביאים און גע-נומען פרעדיגן, אז אלע אידן זאלן ווערן סאלדאטן אין דער פראנצוי-זישער ארמײ, און דערפאר וועט פראנקרײך געווינען די מלחמה און די אידן מיט איר... אויפן "מאנטמארטר" איז דאס געווען א געוועזענער קצב וועלכער האט זיך ארויסגעלאזט, רײטענדיק אויף א פערד באצירט מיט אי-דישע און פראנצויזישע פענערן מיט א מחנה יונגע חברה, און גערופן די אידן זיך אנצושליסן אין דער פראנצויזישער ארמײ.- אויפ'ן אידישן "פלעצל" פון באסטיל האט זיך געפונען א יונגערמאן, פון א שענער משפחה און א הײסער ציוניסט דערצו, וועלכער האט, מיט דער דערלויבע-ניש פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, פאררופן מיטינגן און געע-פענט אויף דער זשיראנד-גאס נומער 10 א ביוראאויף צו פארשרײבן אי-דישע פרײוויליגע.. דינסטאג, דעם 25-טן אויגוסט, אבי אין דער פרי איז באשטימט געווארן א ראנדע-וו אלע אידישע פרײוויליגע וואס האבן זיך ביז דעם דאטום פארשריבן אין דער דערמאנטער ביורא טאקע אויף דער-זעלבער זשיראנד-גאס. ווען אלע זענען זיך שוין צונויפגעקומען אויפ'ן זאמעל-פונקט, איז דער זײדענער יונגערמאן געווארן דער קאמאנדיר, גע-הײסן זיך אויפשטעלן אין גלײכע רײען, גײען נאכ'ן טאקט רעכטס און לינקס, ער האט גערעדט , געשריגן און געזידעלט ווען מען האט ניט

70571

אויסגעפילט פינקטליך זיינע באפעלן; און ווען ער איז ענדליך הייזעריק געווארן פונם קאמאנדירן, האט זיך די טויזענטקעפיקע מאסע א לאז גע־טאן מיט דער ריוואלי-גאס גלייך צום „אינוואלידן-הויז” זיך אויף דעם קעגטן אמת צו פארשרייבן אלס פרייוויליגע אין קריג... ווער ס'האט צו־געזען ~~לעצ~~ די קאמישע זייט פון דעם דראמאטישן ספעקטאקל, האט פארויסגע־זאגט, אז מ'וועט נאך לאנג מוזן שרייען, קאמאנדירן און אויסמושטירן די דאזיגע פרייוויליגע און ניט איין קאמאנדיר וועט נאך הייזעריק ווערן, ביז פון דער מאסע וועלן זיך אויסבילדן ריכטיגע סאלדאטן.

אין דעם „אינוואלידן-הויף” האבן זיך צוזאמענגעטראפן נאך אנדערע גרופעס פרייוויליגע, וועלכע זענען געקומען זיך אנשליסן אין דער פראנצויזישער ארמיי: איטאליענער, גריכן, און א.וו., צווישן וועלכע א גרויסער טייל, —אויב ניט דער גרעסטער טייל—, איז געווען אידן.

## דער לוסט-און שנעל-צוג

יעדן באזונדער פון די נייע פרייוויליגע רעקרוטן האט מען אנגעזאגט אין „אינוואלידן-הויז” דעם 25 אויגוסט ביים אנגאזשירן זיך, אז ער זאל אויפ'ן מארגנדיגן טאג, דעם 26-טן, זיין גרייט מיט אק און פאק און ווארטן ביים זאמעל-פונקט אויפ'ן לי א נ ע ר באנהויף פונקט 8 אזייגער אין דער פרי. מורא האבנדיג צו פארשפעטיגן דעם צוג, האבן זיך די נייע פריש-געבאקענע רעקרוטן געפעדערט צו קומען אפוי, אז ביז 8 איז שוין דאס פלאץ פאר'ן ליאנער באן-הויף פול גע־ווען מיט די פרייוויליגע(ס'רוב אידן), זייערע פאמיליעס,קרובים, פריינט און באקאנטע: ווען ס'זענען געקומען באגלייטן א פרוי מיט קינדער, ווען-עלטערן, פריינט, ווען גלאט גוטע ברידער און באקאנטע און ווער

(זײַט 5, נאָך דעם ערשטן שורה, נײַער פּונקט) ×

(דאָס איז געווען די גרופּע פרײַוויליקער, מיט וועלכע ס׳האָט

„קאָמאַנדירט" דער זײדענער יונגערמאַן)

70572

70573

איז זיך אזוי געקומען אנקוקן דעם „בײַזוואונדער" און זען ווי די אידישע העלדן לויפן מיט ענטוזיאזם שלאָגן די דײַטשן...

ארום האלב נאָך 9 האָבן זיך פון באסטיל א לאָז געטאָן צום פּלאַץ פון ליאָנער באַן-הויף א גרויסע מיליטעריש מארשירענדע מאסע, אין דער שפּיץ פון וועלכער ס'איז געגאנגען א אלטער איד מיט א ברײטער גרײַז-גראָער פּאטריארכישער באָרד און געטראָגן א פלאטערנדע אידישע פאָן מיט א מגן-דוד, זינגענדיק די „התקוה". די מאסע האט אים אונטער-געהאָלפן זינגען. דערבײַ האָבן געפלאטערט אויך פראנצויזישע פאָנען. צוקומענדיג צום ליאָנער באנהויף, האָט זיך די מאסע אויסגעמישט מיט די פון פריער אנגעקומענע און ס'איז געוואָרן א געשרײַ: „זאָל לעבן פראנקרײַך! זאָל לעבן עלזאס-לאָטארינגען! בראוואָ! בראוואָ!".. די געשרײַ-ען און פּלעסקערײַען האָבן פארהילכט דאָס פּלאַץ... דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען די עלטערן מיט די קינדער, די מענער מיט די פרויען, די פרײַנט און באקאנטע צווישן זיך — און ס'געוואָרן א יללה מיט א געוויינערײַ, טרערן האָבן גערינען, באקן זענען פארנעצט געוואָרן, פארשטיקטע שלוכצן האָבן זיך פון צײַט צו צײַט ארויסגעריסן פון צעבראָכענע אָנגעווייטיקטע הערצער; פון דער צווייטער זײַט אָבער האָבן געהילכט די „בראוואָ"ס און יובל-געשרײַען פון די יונגע ענטוזיאסטישע ברוסטן, לײַכטע פיס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן און אויסגע-טאנצט „קאמארעווסקע"ס אויפ'ן העכטן רוסישן שטײַגער...

דערווײַל איז צוגעגרײט געוואָרן דער צוג, וואָס איז באשטאנען פון פיך-וואַגאָנען, שמוציגע און פארבלאָטע. כדי צוגעבן די וואַגאָנען א שענערן אויסזען, האָבן אײניגע לוסטיגע אינגען באפּוצט זײערע דעכער און ארײַנגאנגען מיט בלומען און גאנצע צווייגן פריש אָפּגעריסענע. אײ-ניגע האָבן מיט קרײַד אָנגעשריבן אויף די וואַגאָנען מיט גרויסע בוכשטאַבן:

70574

„טרען דע פלעזיר" (לוסט-צוג), „ראפּיד א בערלען"(שנעל-צוג נאָך בערלין)
אויף איינציגע וואַגאָנען האָט מען אויסגעמאָלט ווילהעלם'ן מיט זיינע טראַדי-
ציאָנעלע פאַרדרייטע לאַנגע וואָנצעס און מיט א מעסער אין האַרצ'ן.. פּאַטע-
טישע אויפשריפטן, ווי „טויט ווילהעלמ'ן!", „מיר וועלן זיי האָבן" האָבן
באַדעקט אלע ווענטלעך פון די וואַגאָנען. ביז מ'האָט זיך אויסגעקליבן אין
וועג אריין און דער לאַנגער עשאַלאָנען-צוג האָט גערירט פון זיין באַזע איז
שוין געווען איינס אזייגער נאָך מיטאָג..

צו פערציק מאַן צונויפגעשטופּט אין יעדן פון די אָקסן-וואַגאָ-
נעס האָבן זיך געטרייסעלט די מידע אויסגעמאַטערטע רייזענדע, הייזעריקע
ווי די העלצער פּונ'ם הילדן שרייען און זינגען און זיך רייסן די גאָרגלען
אָן אן אויפהער און אָן א גרענעץ. דאָס לאַנגע נודנע שלעפּן זיך פון דעם
אָקסן-צוג האָט שוין געהאַט אָפּגעקילט די התלהבות פון די אויסגעמאַטערטע
מענטשן, די אויגן האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעזעטיגט מיט דער שענער
דרויסענדיקער לאַנדשאַפט און מיד געוואָרן, און ווען דער אָוונט האָט ‡ גע-
נומען פאַרשפּרייטן זיינע ברייטע טונקלע שאָטעפּס איבער'ן האָריזאָנט, האָבן
זיך חברה גענומען צוזאַמענקלויבן אין קליינע גרופּעס און זיך באַפריינדן
און פאַרברידערן: ווער ס'האָט זיך צונויפגענומען צו שפּילן אין קאָרטן,
ווער – צו זינגען היימישע טרויעריקע לידער און ווער פון די גרופּעס-
זיך פאַררוקט אין א ווינקעל און גענומען באַרעדענען ,וואָס דער תכלית
וועט זיין...

אין אונזער וואַגאָן האָט זיך געפונען א בעלגיער, וועמען מ'האָט
גלייך געקרוינט מיט'ן צונאָמען „דער 49-טער",– ווייל ער האָט אונז באַלד
אויפ'ן אָרט אויסדערציילט זיין געשיכטע: אלט איז ער 49 יאָר, א געבוי-
טיגער פון בריסעל, פון קליינערהייט אָן געאַרבעט אין די מינעו, זיין פאַר-
מעגן דאָס זענען זיינע צוויי פאַרהאַרטעוועטע „מאָזאָליעס"-הענט; און אזוי
ווי די מינען און פאַבריקן אַרבעטן ניט מער, וואו צו פאַרדינען צום לעבן
איז נישטאָ, וואָס צו פאַרלירן אין לעבן האָט ער אויך ניט,– האָט ער זיך

70575

מײשב געװען און ארײנגעטרעטן אלס פרײװיליגער אין דער ארמײ_ א ברירה
האָט ער געהאַט?..

א צװײטער פרײװיליגער, דער איד נ אָ ט ע װאָס איז געבוירן אין
פוילן, ערצויגן געװאָרן אין לאָנדאָן און אויסגעזען א װעלט, א קלײנ_
געװוקסענער מיט נערװעזע שרעקענדעקע אויגעלעך װאָס װען ער רעדט מיט
זײן קװיטשענדיק קוליכּעל שלינגט ער די װערטער, האָט זיך גענומען
מתודה זײן און אויסגיסן זײן ביטער הארץ : בסך-הכּל האָט ער גאָרניט
געטראַכט צו װערן א סאָלדאַט. ער איז ניט לאנג געקומען קײן פּאריז
און האָט פאַרקלערט ארויסצובאַקומען א פּאַטענט אויף צו האנדלען. געגאַנ_
גען איז ער אין „האָטעל דעז אינװאַליד" װײל ער איז געװען זיכער, אז
מ'װעט אים אויסבראַקירן_ צום סוף האָט מען אים גאָר צוגענומען פאַר א
סאָלדאַט...

א דריטער, סאשא, איז א געזונטער רוסישער איד מיט א געשטופּעלט
פּנים און א פרײ-אָפענעם הארץ װאָס האָט קײן מלאכה ניט אין דער האנט
און דאָס אײנציגע װאָס ער האָט געקאָנט פאַרהאנדלען איז זײן קרעפטיקן
קערפּער און זײנע צװײ מוסקולירטע אָרעמס: פלעג ער שטײן אויפ'ן עק
ראָזיע-גאס, און װער ס'האָט געהאַט א שװערן פּאַק צו טראָגן פלעג שוין
װיסן, אז דער טרעגער סאשע װאַרט אויף אים.. און פון זײן שװערער אר_
בעט פלעג ער בצימצום האָבן ברויט פאַר זײן פרוי און קינדערלעך..
אָט דער סאשא האָט אויך אײנגעזען, אז די װעלט איז משוגע און װײסט ניט
װאָס צו טאָן פאַר װילטאָג_ פאַרנעמט מען זיך מיט רײסן זיך פאַר די שלײ_
ערס אײנער בײם אנדערן.. _און װאָס װעט שוין ארויסקומען, צװישן אונז
רײדענדיק, די פראנצויזן, אז עלזאס און װי רופט מען דאָס.. װעט שוין
גערן דעם פראנצויז?_ װעלן דערפאַר װײניגער מענטשן שלאָפן אונטער'ן
סענע-בריק? צי ברויט װעט מען געבן אָן געלט? צי װאָס, לאָמיר זיך
ניט נאַרן, אומברענגען אומזיסט און אומניסט אזוי פיל מענטשן?.. לויט

70576

זײן פארשטאנד,װאָלטן מענטשן געקאָנט לעבן גליקליך און צופרידן אײנער מיט'ן אנדערן,װען זײ זאָלן זיך נאָר װעלן פארשטײן אײנער דעם צװײטן_און קײן מלחמה דארף גאָר ניט עקזיסטירן! ער איז גע_ לאָפן זיך פארשרײבן אין דער ארמײ מחמת ער האָט אנדערש ניט געקאָנט מאכן: אז װאו מ'איז געשטאנען און װאו מ'איז געגאנגען האָט מען בלויז געהערט_ דער איז אװעקגעגאנגען, דער גײט אװעק, אידן מוזן גײען, אין פאריז װעט זײן ערגער װי אויפ'ן פראָנט. און איצט פירט מען אונז װי די בהמות אין די פיך-װאַגאָנעס צו דער שחיטה!!

צו אונזער גרופע האָט זיך צוגעשארט א איד אין די יאָרן און דערצײלט פון זײן אומגליק: ער איז נישט לאנג צוריק געבליבן אן אלמן מיט 5 קינדערלעך-צװײ,עלטערע, ארבעטן און מאכן זיך א לעבן פאר זיך, די אינגערע דרײ זענען נאָך קלײן און דארפן האָבן מ'זאָל זײ נאָך באדינען.. און היות װי א בעל-בית'טע אין שטוב האָט ער געמוזט האָבן און די שדכנים האָט אים ניט צורו געלאָזט,_ האָט ער חתונה געהאָט צום צװײטן מאָל, אָבער מיט אזא„אשה רעה", אז ס'איז אים נימאס געװאָרן דאָס לעבן און ער איז אװעק זיך פרײװיליג צו פארשרײבן אין דער ארמײ;_ און זאָל איצט די ארורה װיסן, װי ס'איז גוט צו זײן אלײן._ זײן אײנציגע זאָרג זענען געװען די קינדער, אָבער דאנקען גאָט װאָס די עלטערע פארדינען_זײ װעלן שוין אכטונג געבן אויף די אינגערע..

— אָבער װאָס װעט איר זאָגן אויף אזא משוגענעם, װאָס האָט איבערגעלאָזט א פרוי מיט 7 קינדערלעך?_ האָט זיך אָנגערופן א איד, װאָס איז געשטאנען פון דער זײט. _ איך בין געלאָפן גלײך מיט אלע נאראָנים און זיך אנגאזשירט..

אָט אזוי בין איך געװאויר געװאָרן,אז פארשידענע מאָטיװן און אומשטענדן האָבן באװאויגן די מענטשן זיך אָנגעבן אלס

70577

פרײװילינגע...

איך האָב זיך אָבער דאָרט באַקאַנט אויך מיט אַזאַ טיפּ, ווי מענדעל שטאַרקמאַן.— ער שטאַמט פון וואַרשע און איז געקומען קיין פּאַריז שטודירן און גלײַכצײַטיק אַרבעטן און פאַרדינען אויף זײַן לעבן. פּאַריז איז בײַ אים געווען „די צווײטע היימען", און, הגם ער איז גוט געווען באַהאַווענט אין דער דײַטשער שפּראַך און שטאַרק ליב געהאַט די דײַטשע פילאָזאָפן: קאַנט, העגעל, פיכטע און שאָפּענהויער,— האָט ער דאָך אויסגעקליבן פּאַריז, און ניט בערלין, אויף צו שטודירן, ווײַל פראַנקרײַך איז אַ טראַדיציאָנעלעס לאַנד פון פרײַהײט, וועלכע האָט ניט נאָר איר אײגן פאָלק נאָר אויך גאַנץ אײראָפּע באַפרײַט פון פעאָדאַליזם.. און אויך דערפאַר וואָס פראַנקרײַך איז געווען דאָס ערשטע לאַנד וואָס האָט עמאַנציפּירט די אידן און זײ געשטעלט אויף אַ גלײַכער מדרגה מיט אַלע מענטשן.. — דעם 25-טן אויגוסט אין דער פרי איז ער צוזאַמען מיט דער טויזנטקעפּיקער מאַרשירענדער מאַסע דורכגעגאַנגען דעם „קאָנקאָרד"-פּלאַץ אויפ'ן וועג צום „אינוואַלידן-הויז" און, צוקומענדיק צו דער סטאַטוע [illegible] „שטראַסבורג", האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און אויסגעשריגן: „זאָל לעבן עלזאַס-לאָטאַרינגען! זאָל לעבן שטראַסבורג! זאָל לעבן דאָס גרויסע נאָבעלע פראַנקרײַך!" אַסך האָבן אים אָנגעקוקט און ניט געוואוסט, פאַרוואָס דער יונגערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער סטאַטוע און פאַרוואָס דער ענטוזיאַזם..

אין וואַגאָן איז ער געזעסן אין אַ ווינקל, האָט זיך צוגעהערט צו אַלע געשפּרעכן,— האָט אָבער אין זײ קײן אָנטײל ניט גענומען..

בעת דער צוג איז אַרײַנגעפאָרן אין אַ טונעל און האָט דעריבער פּאַמעליך זיך געשלעפּט, האָבן אַ פּאָר נײַגעריגע אַרויסגעשטעלט די קעפּ פון וואַגאָן. דאָס האָט דעם נערוועזן נ אָ ט ע'ן שטאַרק איבערגעשראָקן: ער האָט באַקומען היסטעריקע, געווײנט און געשטופּעט מיט די פיס, און ס'האָט גענומען אַ ביסל צײַט, ביז ס'איז געלונגען אים

צו באַרוהיגן.. די סיבה פון זײַן היסטערישן אָנפאַל דערקלערט זיך מיט'ן צופאַל, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג פריער פאַרגעקומען מיט אַ רעקרוטן-צוג, בעת דער לעצטער איז דורכגעגאַנגען אַ טונעל: מיט אײנעם פון די וואוילע יונגען וואָס האָבן געהאַלטן אַרויסגעשטעקט די קעפּ און געוואָלט ווײַזן בריה'שאַפט האָט געטראָפן אַ אומגליק_ס'האָט אים אַראָפּגעריסן דעם קאָפּ. דאָס איז געווען נ אָ ט ע'ס אַ באַקאַנטער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אין דער הײם אַ פרוי מיט צוויי קינדערלעך וואָס וויינען נאָך אים און קאָנען זיך ניט טרייסטן..

די דאָזיקע געשעעניש האָט געוואָרפן אַ אומעט אויף אַלעמען אין וואַגאָן. מען איז שטיל געבליבן זיצן יעדער אויף זײַן אָרט און זײַן ווינקעל פאַרנומען מיט אײגענע געדאַנקען און מער ניט געהאַט קײן חשק צו שמועסן. די גאַנצע נאַכט ביז'ן ווײַסן טאָג אַרײַן האָבן זיך געהוידעט און געוואַקעלט די שאָטנס פון די דרימלענדיקע בײַם צאַנקענדיקן נאַפּטלעמפּעל..

די זון און מאָרגן-טוי האָבן אָפּגעפרישט די פאַרמאַטערטע פון וועג און שלאָפן רײַזענדע, וועלכע האָבן זיך מיט אַ שעה צוריק אַוועקגעלאָזט מיט'ן „ראַפּיד אַ בערלין". נײַע האָפנונגען און ענטוזיאַזם האָבן אונז באַהערשט , ווען מיר זענען אָנגעקומען קײן ר ו א ן, וואו אונזער עשאַלאָן איז שטײן געבליבן. מיר האָבן זיך מיט געזאַנג אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן. פאַרויס איז געגאַנגען דער לאַנגער געזונטער רומענישער ייִד, וועמען מיר האָבן געקרוינט מיט'ן נאָמען „מאָן-פּאָטאַ", און געטראָגן אַ פראַנצויזישע פאָן; נאָך אים איז געגאַנגען דער גאַנצער עולם און געזונגען די „מאַרסעליעזע" און אַנדערע מיליטערישע מאַרשן, נאָכמאַכענדיג די לידער מיט אַלע טריטים.

אין שטאָט זענען מיר באַגריסט געוואָרן פון די נאָר וואָס דערוואַכטע אײַנוואוינער, וועלכע האָבן לכתחילה ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט

צו באַרויקן.. די סיבה פון לעצ זײן היסטעריש

פאר, געקוקט דערשראקן און מיט אומפארשטרויען, נאר, דערוויסענדיק זיך, אז דאס זענען אויסלענדער פריש געווארענע פראנצויזישע פאטרי־אטן וואס האבן זיך פרייוויליג אנגעשלאסן צו העלפן פראנקרייך — האבן זיי באקומען צוטרוי צו אונז און זיך אויך אנגעהויבן משמח זיין מיט די מאניפעסטאנטן.. אייניגע האבן זיך ארומגעכאפט קושן מיט די רעקרוטן און זיי גערופן „רעטער פון פראנקרייך". מ א ן ט א ט א האט ארומגעכאפט זיך קושן מיט א 70-יעריגער אלטער פרוי אזוי, אז ס'איז שווער געווען זיי צו צענעמען.. אמבעסטן האבן אונז די קינדער פארשטא־נען, וועלכע האבן זיך באלד מיט אונז פארברידערט._ די שענקן האבן געגעבן טרינקען אן געלט, די שפייז-קראמען_דאס-גלייכן.

וואס ווייטער דער צוג איז געגאנגען, אלץ מער האט געשטיגן דער ענטוזיאזם. אויף אלע סטאנציעס, וואו דער צוג האט זיך אפגעשטעלט, האט מען מאניפעסטירט מיט פאנען אין די הענט און דערביי געקריגן לופטיגע קושן און שענסטע שמייכלען פון פרויען, באגריסונגען פון על־טערע פערזאנען און ממשות'דיקע אומארמונגען פון קינדער.

ניט ווייט פון ס ע נ ט_ע ט י ע ן האט מיט'ן עשאלאן גע־טראפן א שטיקל קאטאסטראפע: מאנעווריערנדיק האט זיך אונזער צוג צוריק-אנגעשלאגן מיט איינציגע פראכט-וואגאנען; דער שטויס איז געווען אזוי שטארק, אז אלע וואס האבן זיך געפונען אין די וואגאנען זענען אומגע־פאלן איינער אויף דעם אנדערן און זיך מער אדער ווייניגער צעשלאגן. צווישן וועלכע _א פאר ערנסט פארוואונדעטע וואס מ'האט געמוזט אפפירן אין שפיטאל.. X

11 bis

צווישן די צעשיידיקטע וואס מ'האט געבראכט אין סענט-עטיענער שפיטאל איז געווען איינער נאך גאר א יונגער בחור. זיינע 17-18 יארן האבן גלייך ארויסגעקוקט פון זיין יידל פנים מיט די פולע רויטע באקן און יונגע פייערדיקע אויגן.

זיין צושטאנד איז געווען ניט געפערליך; דער קערפער איז בלויז געווען צעשלאגן אויף עטלעכע ערטער. דער דאקטאר, וואס האט אים באטראכט און מיר אלע וואס זענען דערביי געשטאנען, זענען געווען פארוואונדערט, פארוואס דער יונגערמאן קאן ניט פארמאכן די הענט, הגם די לעצטע זענען ניט געווען צעשלאגן. איבערהויפט האט געמאכט אן איינדרוק אויף אונז דער קאנטראסט צווישן זיין מיידלישן פארביק פנים און זיינע פארגרעבטע אומגעלומפערטע הענט.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין וואגאן, האבן מיר גענומען זיך דערציילן איטליכער זיינע איבערלעבונגען און פאסירונגען, כדי צו פארטרייבן די צייט.

— איך וויל אייך דערציילן, — האט זיך דער יינגל מיטן פרישן מיידלשן פנים אנגערופן, — ווי אזוי איך מיט מיין חבר האבן זיך ניט דערקענט איינער דעם צווייטן אין א צווישנצייט פון בלויז אכט שעה.

— דערציילט! דערציילט! — האבן אלע מיט נייגעריקייט געבעטן.

„איך האב געהאט א חבר — דאס הייסט איך האב אים נאך איצט אויך, נאר ניט דא — וואס הייסט ז ע ל י ק. איך בין מיט אים אויסגעוואקסן אין א באסאראביש שטעטאלע, א טיר נעבן א טיר, געגאנגען צוזאמען אין חדר, געשפילט זיך צוזאמען, — ביז מיר זענען אלט געווארן 15 יאר און גענומען קלערן וועגן א תכלית. ביי אונז אין שטעטל איז ניט געווען וואס צו מאכן: דער בית-המדרש איז געווען די גאנצע וואך פול מיט יידן וואס האבן ניט געהאט וואס צו טאן און זיך דערציילט מעשות פון „גוטע יידן".

האָב איך באשלאָסן צו פארלאָזן דאָס שטעטל. געזאָגט האָב איך קײנעם ניט פון מײן באשלוס, אויסער זעליק'ן. ער האָט באלד ארויסגעזאָגט זײן װונש מיר נאָכפאָלגן.מיר האָבן פארטיק געמאכט אונזערע פעקלעך און זיך גע-לאָזט אין װעג ארײן. איך, דער איניציאַטאָר פון דער נסיעה, בין אויך געװען דער באנקירער װאָס האָט פינאנסירט די אונטערנעמונג.. דאָס הײסט איך האָב אינגאנצן פארמאָגט א רובל מיט 80 קאָפּיקעס.- אויסער דעם פאָרל [illegible]עס װאָס יעדער פון אונז האָט מיטגעטראָגן.

די רײזע אונזערע ביז צו דער באן האָט גענומען א טאָג מיט א נאכט. װען מיר זענען אָנגעקומען אין װאָקזאל, איז דאָרטן געשטאנען א צוג.מיר האָבן קײן סך ניט געטראכט, ארײן אין ערשטן בעסטן װאגאָן, זיך אויס-געצויגן אונטער די בענק אײנער קעגן צװײטן און אײנגעשלאָפן.. װיפיל איך בין אזוי פארענדיק געשלאָפן קאָן איך ביז איצט ניט װיסן, װײל א פּאָר פעסטע הענט האָבן מיך מיט א אימפעט ארויסגעשלעפט פון מײן באהעלטעניש און אװעקגעלעגט אין מיטן דער נאכט אויף א פוסטער סטאנ-ציע... גליקליך בין איך געװען, װען איך האָב דערזען נעבן זיך ליגן מײן חבר זעליק.

די ערשטע לעקציע װאָס מיר האָבן געקריגן פאר אונזער באקװעמער באן-רײזע האָט אונז אָבער ניט אָנגעלערנט. הגם מײן חבר זעליק איז געװען קראנק און אײנגעשפארט און ניט געװאָלט באצאָלן פאר אזא לוקסוס-רײזע מיט צעבראָכענע ריפּן און בלויע צײכענס, האָט ער דאָך געמוזט ענדליך אָננעמען מײן שטאנדפּונקט, אז ס'איז שוין גלײכער צו פאָרן אונטער די בענק װי צו גײן צופוס און זיך אָנמאכן בלאָטערן אויף די פיס פון לאנגן גײן. ביז מיר האָבן אָבער געקריגן אזא געלעגנהײט האָט גענומען עטליכע טעג. אזוי האָבן מיר געװאנדערט 7 װאָכן. איך װיל אײך דאָ ניט דערצײלן אלע אײנצעלהײטן; איך װיל מיך נאָר אָפּשטעלן אויף דער רײזע װאָס איך האָב געמאכט פון װין ביז פּאריז מיט'ן עקס-פּרעס אונטער די װאגאָנעס צװישן די רעסאָרן פון די רעדער, װען איך

האב זעליק'ן אויפ'ן וועג פארלוירן.

ווען מיר זענען צופוס אנגעקומען קײן ווין-נאך דעם ווי אונז האט זיך אײנגעגעבן זיך ארויסדרײען פונעם עסטרײכישן זשאנדארם'ס הענט-,צום ציל פון אונזער שטרעבן, האבן מיר ערשט געזען, אז מיר האבן א גרויסן טעות געהאט. מיר זענען ארײנגעפאלן אין א ים פון מענטשן אן א גראשן געלט, קוויטיקע און פאגערוסענע; צו ווען זיך ווענדן האבן מיר ניט געוואוסט, פיל קלערן האבן מיר ניט געקאנט, ווײל דער מאגן האט טמש ניט געלאזט צורו און געמאנט זײנס. איז געבליבן, אז מיר זאלן זיך לאזן ווײטער אין גאטס וועלט ארײן, און דווקא מיט'ן דירעקטן עקספרעס קײן פאריז. פארוואס גראד מיט דעם צוג? איז דא א טעם דערבײ.- אזוי ווי מיר פלעגן זיך אויפהאלטן די גאנצע צײט אין וועסט-באן-הויף און נעכטיקן צווישן די וואגאנעס, האבן מיר אײנמאל געפונען אין די וואגאנעס פון עקספרעס-צוג א גאנצן אוצר פון שטי-קער ברויט, האלבע פלעשער געטראנקען, פושקעס סארדינען,- וואס האט אונז אזוי פארשמעקט, אז אונז האט שוין געצויגן צו דעם צוג.

אין די וואגאנעס האבן מיר שוין דאס מאל מורא געהאט ארײנ-צוגײן, כדי זיך באהאלטן אונטער די בענק: ערשטענס, זענען די וואַ-גאנעס שוין צו גרויסארטיק פאר אונז; צווײטענס, ווען מ'וועט אונז כאפן-חעלן מיר שוין דארפן באצאלן צו א גרויסן פרײז.-מיר וועלן שוין קײן לעבעדיקע פון זײערע הענט ניט ארויס.. האבן מיר באשלאסן צו פארן צווישן די אײזערנע רעסארן בײ די רעדער פון די וואגאנען, וואו קײנער וועט אונז ניט באמערקן. אײן אײנציגע זארג האט אונז געמאטערט: דער מעכאניקער וואס פראבירט די רעדער, קלאפענדיק אין זײ מיט א אײזערנעם גרויסן האמער, זאל אונז בשעת-מעשה ניט באמערקן.

70583

14

באַרוהיקט האָבן מיר זיך ערשט דאַן, װען דער שנעל־צוג
האָט אָנגעהויבן צו לויפֿן מיט זײַן טײַפֿלשן אימפּעט. בשעת׳ן פֿאָרן
האָט זיך מיר דער קאָפּ אַזוי פֿאַרדרײט, אַז כ׳האָב ניט געװאוסט מער
אויף װאָסער װעלט כ׳געפֿין מיך און װאָס מיט מיר קומט פֿאָר; אינ־
סטינקטיװ האָב איך בלויז געפֿילט די געפֿאַר און זיך אײַנגעקלאַמערט
מיט די לעצטע קרעפֿטן פֿון מײַנע הענט און פֿיס צװישן די אײַזערנע
רעפֿאָרן... יעדער באַגריף פֿון צײַט און שטח איז בײַ מיר פֿאַרשװאונדן,
קײַן זאַך האָב איך ניט געפֿילט, אויסער אַן אונענדליכן קאָשמאַרנעם כאַאָס.
װען דער צוג האָט זיך ענדליך אָפּגעשטעלט מיט אַ שטאַרקן טרעסל, בין
איך אַראָפּגעפֿאַלן פֿון מײַן אָרט; מיט די פֿיס האָב איך אָנגערירט די
שטענדעלעך פֿון װעג, אָבער מיט די הענט האָב איך מיך אַלץ פֿעסט אָנ־
געהאַלטן אין די רעפֿאָרן...

ארויסגעקומען בין איך פֿון צװישן די װאַגאָנעס שװאַרץ װי
קויל, אַזוי אַז כ׳האָב מיך אַלײן בשום אופֿן ניט געקאָנט דערקענען.
מערקװירדיק איז דאָס, װאָס קײנער האָט מיר גאָרניט געזאָגט, װען כ׳בין
ארויס פֿון באַן־הויף.— ס׳האָט געװיס געמײנט, אַז דאָס בין איך דער
הײצער פֿון לאָקאָמאָטיװ. מײַן ערשטער געדאַנק איז געװען—זעליק! איך
האָב אים אומעדום געזוכט, אָבער אָן דערפֿאָלג. פֿון לאַנגן מאַטערניש
ניט שלאָפֿן,
און אומויפֿערליכן אָנשטרענגען זיך, פֿון ניט עסן און טרינקען די גאַנ־
פֿון
צע צײַט פֿון דער רײַזע און, אַלס צוגאָב, דעם פֿאַרלוסט פֿון מײַן חבר,
בין איך אַזוי דערשיטערט געװאָרן, אַז כ׳בין געבליבן זיצן אָן מאַכט,
ערגעץ בײַ אַ קופּע קוילן אין דער סטאַנציע און אַזוי אײַנגעשלאָפֿן..
אויפֿגעװעקט האָב איך מיך פֿון די געשרײען װאָס אַרום מיר. װען איך
בין אַביסעל צו זיך געקומען, האָב איך באַמערקט נעבן מיר שטײן צװײ
אַרבעטער, װעמענס פּנים׳ער זענען געװען אַזוי פֿאַרשמירט מיט קוילן־
שטויב, אַז אויסער די פֿונקלדיקע אויגן האָט מען אין זײ קײן מענטש־
זען
ליכעס ניט געקאָנט באַמערקן.. זײ האָבן צו מיר עפּעס גערעדט, נאָר

אַזוי ווי קיין מענטשלעכע צורה האָבן זיי ניט געהאַט און די שפּראַך איז
מיר אויך געווען אומפאַרשטענדליך, האָב איך ניט געוואוסט וואָס זיי פאַר-
לאַנגען פון מיר. דאַן איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער, מיר דערלאַנגט
אַ לאָפּאַטע אין דער האַנט און געוויזן, ווי אַזוי איך זאָל וואַרפן די
קוילן אין וואַגאָן אַריין, וועלכער איז געשטאַנען נעבן דעם הויפן קוילן;
ער אַליין מיט נאָך צוויי אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט דאָסזעלבע צו טאָן.
האָב איך שוין קיין ברירה ניט געהאַט און מיט די לעצטע כוחות זיך אָנ-
געשטרענגט און געוואָרפן אַ לאָפּאַטע נאָך אַ לאָפּאַטע, ביז דער קאָפּ האָט
זיך מיר פאַרדרייט און אין די אויגן האָט מיר אָנגעהויבן צו שווינדלען..
ווען איך האָב צוריק געעפנט די אויגן, זענען דיזעלבע פאַרקוילטע
אַרבעטער געשטאַנען אַרום מיר: איינער האָט געגאָסן פון אַ פלאַש רויטן
וויין אין אַ בלעכענע כלי, דער צווייטער האָט מיר דעם וויין געגאָסן אין
מויל אַריין, בשעת דער דריטער האָט מיר צוגעהאַלטן דעם קאָפּ.

אַזוי אַרום, בין איך געוואָרן אַ קוילן-אַרבעטער ביי דער באַן.
כ'האָב פאַרדינט גענוג אויף אָפּצושפּאָרן אַביסל געלט.

צוויי חדשים האָט געדויערט ביז איך בין געוואָר געוואָרן, אַז
זעליק לעבט און אַז ער געפינט זיך אין דער שווייץ; ער קלויבט זיך
צו קומען קיין פּאַריז צו מיר.— מיט אים האָט געטראָפן אין באַזעל דאָס-
זעלבע וואָס מיט מיר אין פּאַריז: ער איז אַרויסגעפאַלן פון אונטער די
רעדער, אָבער ער האָט דערביי ערגער אָפּגעשניטן.— אחוץ די צעבראָכענע
ריפּן וואָס ער האָט געקריגן פון פאַל, זענען ביי אים אַ האַנט און אַ פוס
אויסגעלענקט געוואָרן. דאָס האָט אים אפילו געראַטעוועט: ווייל ער האָט
ניט געקאָנט גיין, האָט מען אים אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל, וואו ער האָט
זיך אויסגערוט עטליכע וואָכן און געוואָרן אַ מענטש. דערנאָך האָט ער
עפּעס געאַרבעט און זיך דערשלאָגן ביז פּאַריז, וואו ער האָט די ערשטע
צייט געלעבט אויף מיינע פאַרדינסטן טאַקע ביי מיר אין וואוינונג.

70585 16

זעליק'ן איז אָבער די מלאכה ניט געפעלן: „אויף דעם האָבן מיר זיך אַזוי אָנגעפלאָגט און אָנגעשטרענגט צו קומען קיין פּאַריז, כדי צו פאַרשוואַרצט ווערן בײַ די קוילן?!". האָב איך אַוועקגעוואָרפן מײַן אַרבעט צוזאַמען מיט מײַן חבר און גענומען זוכן אַן אַנדער באַשעפטיגונג. מיר האָבן אויסגעטאָפּטן די גאַסן פון פּאַריז; ס'איז אַוועק אַ טאָג, צוויי, דרײַ, פיר, אַ וואָך, צוויי, דרײַ וואָכן—נישטאָ קיין אַרבעט! דאָס ביסל געלט איז צעקראָכן געוואָרן, דעם באַלעבאָס פון האָטעל זענען מיר שוין שולדיק געווען פאַר אַ וואָך דירה-געלט, און, אײַנמאָל, ווען מיר ~~...~~ זענען געקומען שלאָפן, האָט אונדז ~~...~~ דער באַלעבאָס ניט אַרײַנגעלאָזט און אַפילו נישט געלאָזט אַרויסנעמען דאָס ביסל אָרעמקייט אונדזערס, ביז מיר וועלן אים ניט באַצאָלן דעם חוב. איז אונדז אַנדערש ניט אויסגעקומען, ווי איבערנעכטיקן אונטער די בריקן פון דער ס ע נ ע, מיט וועלכע, אַגב, מיר זענען שוין געווען באַקאַנט.

דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּאַריז.— פאָרן אַוועקגײַן בין איך נאָך געגאַנגען געוויר ווערן צו מײַן שוואַרצער אַרבעט. די אַרבעטער האָבן מיך גוט אויפגענומען; קיין אַרבעט איז שוין אָבער ניט געווען, האָבן זיי מיר געראָטן צו פאָרן קיין ס ע נ ט-ע ט י ע ן אין די קוילן-גראָבנס און ~~...~~ דערבײַ אויסגעלערנט, ווי אַזוי אַהין צו קומען אָן געלט.

ווען מיר זענען שוין אָנגעקומען אויפ'ן אָרט פון די קוילן-גראָבנס, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צרות: אומעדום וואו מיר האָבן געבעטן אַרבעט האָט מען אונדז אָפּגעזאָגט. די סיבה דערפון האָבן מיר זיך ערשט דערוואוסט בײַם מיידעל פון דער קיך: מיט קראַגענס און ווײַסע העמדער נעמט מען ניט צו אין די גראָבנס. האָבן מיר אויסגעטאָן דעם „פּרינץ", פאַרקאַטשעט די אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס, צעבראַטעט

די העמדער און אזוי אוועקגעגאנגען זוכן ארבעט, וואָס מיר האָבן טאָקע באַלד געקריגן. _ דאָסזעלבע מיידעל האָט אונז געגעבן אָמצוועסן צוויי גרויסע שטיקער ברויט מיט פּוטער און מיט וואורשט, דערקלערט די רעגלן פון די מינעס און אָנגעוויזן אן אָרט צום שלאָפן.

דעם צווייטן טאָג גאַנץ פרי זענען מיר שוין געשטאַנען גרייט מיט אנדערע ארבעטער ביי דער ווינדע גרייט אראָפּצולאָזן זיך אין די טיפע הילן פון דער ערד. געמיינט האָבן מיר , אז מיר וועלן כאָטש זיין צוזאמען: צום סוף האָט מען אונז גאָר צעשיידט._ מיך האָט מען אוועקגעשטעלט ביי די אייזערנע וואַגאָנעטלעך , וועלכע איך האָב געדאַרפט אויסליידיקן און אָנפולן מיט קוילן; זעליק'ן האָט מען געשיקט מיט אן אנדער פּאַרטיי האַקן די קוילן. גאַנצע אכט שעה האָבן מיר אזוי געאַרבעט אָן עסן און אָן אָפּרו, אויב מ'זאָל ניט רעכענען די בלעכע_ נע פלעשלעך שוואַרצע קאַווע וואָס מ'האָט יעדן פון אונז מיטגעגעבן. איך האָב מיך קוים דערלעבט צו זען, אז די ארבעט איז שוין געענדיגט. פון די געדערים פון דער ערד האָבן זיך ווי מוראַשקעס געצויגן פאַר_ טיעטע מענטשן, אויפגעהויבן געוואָרן מיט דער ווינדע און ארויס אויף דער פרייער וועלט. איך זוך צווישן די מענטשן, קוק מיר כמעט אויס די אויגן,_מיין זעליק איז נישטאָ. די לעצטע פּאַרטיע ווערט שוין ארויפ_ געצויגן מיט דער ווינדע_און זעליק איז אלץ נישטאָ. מ'שטופּט מיך שוין אריין צוזאמען מיט נאָך עטליכע פאַרשמעטיגטע ארבעטער אין דער ווינדע. ניט ווילנדיק רייסט זיך ביי מיר ארויס א אידישער קרעכץ..
„וואָס, דו ביסט דאָס,חיים!”_ גיט זיך א רוף אָפּ איינער ביי מיין זייט.
„ זעליק”! איך זוך דיך דאָך ארום. אזוי ווי דו זעעסט אויס. גאָר ניט צו דערקענען!” „איך האָב דיך אויך געזוכט און וואָלט דיך קיינמאָל אין דער וועלט ניט דערקאַנט, ווען דו רופסט זיך ניט אָן מיט דיין קרעכץ!”

ער איז שטיל געבליבן און זיך פארטראכט.

— און פון װאס זענען ביי דיר די הענט אזוי אויסגעקרומט?

— טאקע פון די קוילן-גראבענס. — דאס איז שוין פארגעקומען אין ש א ר ל ר ו א. דארטן האבן מיר געארבעט דעם גאנצן װינטער, איך ביי די װאגאנעטלעך און זעליק ביי אן אנדער ארבעט, מחמת ער איז ניט געװען גענוג שטארק צו דער ארבעט פון די װאגאנעטן. אין דעם גראבן איז ניט געװען קאלט, הגם מיר האבן געארבעט האלב נאקעט; אבער פון דער דרויסנדיקער קעלט, פלעגן די הענטלעך פון די װאגאנעטן אזוי פארפרוירן װערן, אז די הויט פון די הענט פלעג זיך שפאלטן פון זייער באריר[ו]נג. ביינאכט פלעג די הויט צוזאמענגעצויגן װערן און ביטאג בעת דער ארבעט פלעג זי זיך װידער שפאלטן. װיי טאן פלעגן די הענט ערשט ביינאכט בשעת'ן שלאף, און אזוי האבן זיך מיינע פינגער פאר װייטיק אויסגעקרומט.

— און װאו איז איינד דיין חבר?

— אין פאריז. מ'האט אים ניט געװאלט צונעמען פאר א פריײַװיליקן װייל ביי אים זענען פארבויגן דריי פינגער פון דער רעכטער האנט און אויסגעקרומט א פוס.

— פון װאס איז דאס אים געקומען?

— פון די זעלבע קוילן-גראבענס! ער מיט נאך עטליכע זענען פארשיט געװארן אין די גראבענס. בלויז אים מיט נאך צװיי ארבעטער האט מען אויסגעראטעװעט; די איבעריקע זענען דארטן פארשטיקט געװארן אויף טויט...

מער קיין פראגעס האט מען אים שוין ניט געשטעלט און מיר זענען װייטער געפארן שװײַגנדיקע.

אין חענמ_עטיען האבן מיר געהאט די זכיה באשיינ_
פערלעך צו זען זאל א'ס העלדן_די מינעס-ארבעטער צעבראכענע קער_
פער, אויסגעלאשענע אויגן, שווארצע געזיכטער און ברודיקע פארקריפעל_
טע הענט.. דער עשאלאן האט זיך אפגעשטעלט, די לוסטיקע אינגען

זענען ארויס פון די וואגאנען און אנגעהויבן באווייזן זייער קענטעניש
אין טאנצן קאזאקן, אין האפקען פריילעכס און אין זינגען אויף די
העכסטע טענער. די אלטע קוילן-גראבער זענען געשטאנען מיט זייערע
ווייבער און קינדער און געקוואלן..

70588

קיין ל י אָ ן זענען מיר אנגעקומען ערשט ארום 10 א
זייגער אין אָוונט נאך אנדערטהאלבן מעת-מעת פאָרן פון פאריז פֿן.
געריכט האט מען זיך אויף א גרויסארטיקן אויפנאם סיי מצד דער בא_
פעלקערונג, סיי מצד דער מיליטערישער מאכט, וועלכע האט געוואלט אנט_
קעגן קומען מיט מוזיק,_ צום סוף האט אפילו קיין חאן ניט געקרייט
ווען מיר זענען אויסגעשטיגן פון צוג און קיינער איז ניט געקומען
זיך ווייזן.. מיר האבן לאנג ארומגעבלאנקעט און געבלאנזשעט איבער
די פינסטערע ליאנער גאסן, זוכענדיג א מקום-מנוחה וואו אפצורוען
דא מידע בײנער נאך עטליכע-און-דרייסיק שעה טרייסלען אין די אָקסן-
וואגאנעס, און דורכגענעצט געווארן פונדעם דריבנעם רייגן. ווען מיר
האבן זיך שוין דערפרעגט, צעבראכענע און פארמאטערטע, צו א קאזאר_
מע,_ האט מען אונז ערשט געוויזן די טיר און אפגעשיקט צום טייפעל..
אזוי איז געווען אין א צווייטער קאזארמע, אין א דריטער. ביז נאך
האלבע נאכט האט מען זיך אזוי ארומגעשלעפט פון איין ארט צום צווייטן,
ביז איינער א סערזשאנט האט זיך אויף אונז מרחם געווען און אונז
פארפירט אויף רי דע לא גילאטינע אין א פוסטער שולע, וואו מיר האבן
זיך אויסגעלעגט אויף דער ערד און געדאנקט גאט, ווען מ'האט פארכאפט
מיט זיך אביסל שטרוי אויף אונטערלעגן זיך.. די וואס האבן גע'חלומ'ט
אז פראנקרייך וועט די פרייוויליקע לעגן אויף גאלדענע בעטלעך שלאפן,
זענען די נאכט שוין ניט געשלאפן און אויפגעשטאנען אויף מארגן

מיט צעבראכענע גלי

מיט צעבראָכענע גלידער.. און פארלוירענע טרוימען..

עטליכע טעג דורכאנאנד זענען מיר געווען אזוי פארשפארט אין דער שולע(מ׳האט שוין קיינעם ניט געלאָזט ארויסגיין אליין אין דרויסן), וואו ס׳איז אפילו ניט געווען גענוג וואסער אויף צו וואשן זיך. עסן האט מען געגעבן אין גרויסע ציבערס, אָן לעפל און אָן שיסל־ באטש שטעק אהיין אריין די שמוציקע הענט אדער זיפ מיט דער צונג, ווי א פירפיסיקער..

70589

אין ליאָן זענען געווען עטליכע זאמעל-פונקטן פאר די פרייוויליקע, וועלכע זענען אהער געקומען פון פאריז, ווי אויך פון דער שווייץ; די ווייטיקסטע פון זיי זענען געווען [illegible] אווענו-דע-סאקס און רו דע לא גילאָטינע.. די ערשטע עטליכע טעג איז געגאנגען די סדרה צײלן: פון גאנץ פרי ביז שפעט אין דער נאכט האט מען אונז געהאלטן אין איין צײלן. פארטאָג האט מען אונז אראָפגערופן פון די צימער אין די ברייטע הייף, אויסגעשטעלט אין א לאנגער רײע און געצײלט. דערנאָך ווידער געצײלט און איבערגעצײלט, ביז מ׳האט אונז געהייסן זיך פונאנ דערגיין. אין א ווײלע ארום_אה-אה! מ׳רופט שוין ווידער און מ׳צײלט שוין באנײעס, אזוי טיף אין דער נאכט אריין.. נאָכ׳ן צײלן איז גע גאנגען די סדרה פארשרײבן נעמען. דאָס האט צוגענומען נאָך מער צײט ווי דאָס צײלן, ווײל די פרעמדע אויסלענדישע נעמען זענען פאר די פראנצויזן געווען צו הארט צו צעקײען..

דאָס לערנען איז אויך געווען ניט לײכט. די אינסטרוק טאָרן זענען ספעציעל אראָפגעבראכט געוואָרן פון ס י ד י ב א ל א ב א ס( [illegible] ), אלטע לעגיאָנערן וואָס האָבן שוין אויפגע געסן די צײן זײערע אין דער אײזערנער דיסציפלין פון פרעמדן-לעגיאָן

[illegible].

בײם אָנטאָן די מיליטערישע קלײדער איז אױך פֿארגעקומען א אינצידענט.– װי אױף צו-להכעיס, איז אױסגעפֿאלן אױף א קלײנעם דוקא א פּאָר לאנגע הױזן און אױף א לאנגן – א פּאָר קורצע; א דיקער האָט געקריגן א װעסט, װאָס איז זיך אױף אים ניט צונױפֿגעגאנגען און א דארער האָט געפּאקט א גרױסן װעסט, אזױ אז ער איז פֿון אים טמש ארױסגעפֿאלן; אזױ איז אױך געװען מיט די שיך און קאסקעטן.. דעם ערשטן טאָג, װען די נײַע פֿארשטעלטע האָבן זיך באװיזן אין הױף פֿון די קאזארמעס, איז געװאָרן אזא געלעכטער, אז ס'איז געװען אוממעגליך אײַנצושטילן דעם לאכענדן עולם. אלע װארענישן און דראָהונגען פֿון די עלטסטע האָט ניט געהאָלפֿן, אזױ אז מ'האָט געמוזט באפֿײלן די סאָלדאטן זיך פֿונאנדערגײען אין די קאזארמעס..

דער זײַדענער יונגערמאנטשיק, אונזער אלטער באקאנטער, דער װאָס האָט אזױ הױך קאָמאנדירט, פֿירענדיג די מאסע פֿרײַװיליקע פֿונם „פּלעצעל" ביז'ן „אינװאלידן-הױז", איז געקומען פֿון פּאריז אהער מיט עטליכע טעג שפּעטער אָנגעטאָן אין א פּאָר פֿײַנע געלע „באליאװעס" און אין א ספּאָרט-קאסטיום און מיט א בײַטשל אין דער האנט – א גאנצער פֿראנט. יעדעס מאָל װען ער איז דורכגעגאנגען דעם הױף פֿון קאזארמע, פֿלעג ער, טעשה-קאפּיטאן, פֿארדרײען דעם קאָפּ, אײַגנאָרירענדיק די אלע װאָס ער האָט אין פּאריז אײַנגערעדט זיך פֿארשרײַבן אלס פֿרײַװיליקע... אױסגעהאלטן האָט ער זיך אין ביוראָ פֿון דער פֿארװאלטונג און געגלױבט, אז פֿאר די טובות װאָס ער האָט געטאָן פֿראנקרײַך האָט ער פֿארדינט גרױס כבוד און פּריװילעגיעס; צום סוף, האָט מען אים באפֿױלן אראָפּװארפֿן זײַנע לאקירטע געלע „באליאװעס", אױסטאָן דעם ספּאָרט-אָנצוג, אװעקלײגן דאָס בײַטשל און װערן א סאָלדאט גלײַך מיט אלע אנדערע. דאָס האָט דעם נעכטיקן קאָמאנדיר גאָר ניט געשמעקט

און ער האט זיך אנגעברויגזט, אבער ס'האט אים גאר ניט געהאלפן און די דיסציפלין האט געבראכן זיין בוטסן שטאלץ. די איבעריקע האבן זיך דערלעבט א נקמה אין אים און אפילו אים דאס ארויסגעוויזן יעדעס מאל ווען ער איז דורכגעגאנגען דעם הויף.

באלד האבן זיך אנגעהויבן די איבונגען. א גאנצן טאג, מיטן אויסנאם פון מיטאג-צייט, האבן מיר זיך ביים פעטשונגס-פלאץ פ א ר - ד ע - ל א - מ א ד געאיבט אין לויפן און שפרינגען איבער גריבער, אין דראבן זיך אויף די גלייכע ווענט און דאס גלייכן. ביי איינעם אזא מאנעוור פון שפרינגען האבן 4 סאלדאטן זיך צעבראכן די פיס, 4 אנדערע האבן זיך די פיס אויסגעוועכט. אומקערענדיג זיך אין קאזארמע נאך אזעלכע איבונגען, פלעגט דער גרעסטער טייל פון די סאלדאטן אנידערפאלן אויף די בעטלעך, פארגעסענדיק אפילו זייער נאכט-עסן..

ערשט

נאך די גימנאסטישע איבונגען האט מען אונז געטרויט ביקסן. און דאן האט זיך באנייעס אנגעהויבן די סדרה צייל, פארשרייבן די נעמען, מעטריקולן און נומערן פון די ביקסן וואס זענען אויסגעטיילט געווארן. יעדער סאלדאט האט געמוזט וויסן דעם נומער פון מעטריקזל און דעם נומער פון זיין ביקס. ווי ער זאל די לעצטע, חס-ושלום, ניט פארלירן אדער פארביטן; אויב דאס געשעט, איז שוין פאר אזא זאך ווייניג... „די ביקס האבן געטענה'ט די אינסטרוקטארס - איז ביים סאלדאט זיין ווייב און געליבטע, ער איז מחויב זי צו פוצן, צערטלען, שמירן און אפהיטן, ווי דאס אויג אין קאפ!..

און אז מיר האבן זיך שוין געהאט אויסגעלערנט, ווי צו האלטן א ביקס, ווי אזוי צו מאנעווירן און מאלטשירן מיט'ן געווער א.א.וו., האבן זיך ערשט אנגעהויבן די רעכטע מיליטערישע איבונגען ביים „ פאר-דע-לא-מאד": שיסן צוערשט אויף 25 מעטער דיסטאנץ, דערנאך אויף 250 מעטער און אפילו 400 מעטער אין פאל ווען קאוואלעריע אטאקירט

70592

23

אינפאַנטעריע... דאַן האָט מען אָנגעהויבן מיט אונז צו מאַכן לאַנגע
מאַרשרוטן, צומאָל נאַכט-מאַרשרוטן, מיט זאַק און פּאַק פּיקס און פּאַרטיק
צום שלאַכט. מאַרשרוטן מיט'ן פולן זאַק האָט געהײסן נעמען מיט זיך:
די קאָלדרע, די „פּאַלאַטקע" מיט'ן קלאַפּער-געצײַג זי אויפצושטעלן, די
רעזערווע שיך-העמדער און זאָקן; סוכאַרעס(אויסגעטריקנטע ברויט),קאָנ-
סערווירט פלײש, זאַמד-צוקער און קאָפּע גענוג אויף צוויי טעג, צוזאַמען
האָט דאָס געוואויגן 35 קילאָגראַם. אחוץ דעם האָט מען געטראָגן אויף זיך
~~קעס/ש///~~ א בײַטעל, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען: א וואַסער-פעלד-פלאַש,-
א בלעכענע כלי אויף אויפצוואַרעמען קאָפּע,- און א פּאַטראָנען-טרעגער מיט
300 קוילן; די ביקס מיטן שפּיז איז געווען נאָך א צולאָג,- אַזוי אַז
יעדער סאָלדאַט איז אַרויס אויף א מאַנעוור-מאַרשרוט אָנגעלאָדן ווי א קעמל
אין דער מדבר און אַזוי אָפּגעגאַנגען א פּאָר שטונדען, מאַכענדיק א 20-
25 קילאָמעטער. נאָך אַזא מין שפּאַציר האָט זיך שוין קײנעם ניט געגלוסט
מער צו טאַנצן... אין משך פון א חודש צײַט זענען די „פרײערס" מיט
שענע מאַניערן און לאַנגע קודלעס האָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נידעריק
אָפּגעשוירענע סאָלדאַטן, דיסציפּלינירטע און געהאָרכזאַמע ביז גאָר..

באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן צו מאַכן די ריכטיקע מאַנעווערס. מיר
פלעגן ~~///~~ זיך צעשפּרײטן איבער'ן פעלד, אײנער פונם צווײטן ווײט אויף 2
מעטער, און גענומען אַטאַקירן דעם „פײַנט", וועלכער האָט זיך געפונען אויפ'ן
אײנעם באַרג אָדער/~~///~~ וואַלד. מיר/~~///~~ פלעגן קריכן אויף די בײַכער און, באַהאַלטנ-
דיק זיך אויפ'ן וועג אין די גריבער און שפּאַלטן, זיך אַזוי פאַרגנב'ענען
אויפ'ן באַרג אָדער אין וואַלד אַרײַן. דער שונא האָט אונז באַלד דערשמעקט
און אָנגעהויבן צו שיסן אויף אונז. מיר האָבן געענטפערט. ווען ס'האָט
זיך דערהערט א קנאַלן פון קאַנאָנען, האָבן מיר זיך א וואַרף געטאָן צו
דער ערד און אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ צווישן די הענט. אונזער אַרטילעריע
האָט געענטפערט. דערנאָך, ווען די קעגנער האָבן זיך דערנענטערט איז
דערגאַנגען צו ~~///~~ א קאַמף אויף שפּיזן. מיט ווילדע געשרײען איז מען
דאַן געלאָפן אײנער קעגן דעם צווײטן און „געשטאָכן". ס'האָט זיך באַקומען
א ריכטיק בילד פונם מלחמה-טעאַטער...

24

III

70593

DEUX SOUS POUR LA SANTÉ DE LA LUMIÈRE!

מענשען פון פארשידענע ראסען, ווי כינעזער, נעגער, אראבער, אינדיאנער און נאך ראסען, וואס די עטנאגראפיע ווייסט אפשר ניט פון זיי... אויך לייט פון פארשידענע קאטעגאריעס, ווי אנטלאפענע פארברעכער, קאטארזשאנעס, גנבים, שיכורים, מענשען, וואס האבען זייער מענשען-געפיהל און ווערט פארלוירען, וואס האבען זיך מיט דעם עפענטליכען לעבען ניט מעהר צו רעכענען: זיי קומען זיך אנגאזשירען אין דעם פראנצויזישען „לעגיאן עטראנזשער" (פרעמדען לעגיאן) און דארטען ווערען זיי פארלוירען, פארגעסען פון וועלט און מענשען. זייער איינציגער פליכט איז די גרויזאמע אוממענשליכע סאלדאטישע דיסציפלין. זיי שטרעבען זיך דערדינען דורך פארשידענע פארברעכערישע קונסט-שטיק, דורך זייער ארבייט פון „ציוויליזירען" די רוהיגע געמיטליכע און שטילע איינוואוינער פון אפריקע, מארדען פון די מענער און שענדען פון די פרויען, און נאך פארשידענע אומדערהערטע אויפטועו, מיליטערישע מסורות. אזוי דערדינען זיי זיך צו א גראד, ווערען א קאפאראל און קריגען א קופערנעם סאלדאטישען מעדאל. דאס איז די גאנצע מאראל, לעבענס-אינטערעס און ציל זייערער.

אט די דאזיגע נפשות קומען צו אונז „גרינע" זיין די וועג-ווייזער, לעהרער און פיהרער פאר אונז אין שלאכט און די רעטער פון דער ציוויליזאציע און מענשליכקייט...

זעלבסטפארשטענדליך, אז מיט אזעלכע הארטנעקיגע און פארשטאפטע קעפ, ווי מיר זענען, איז ניט אזוי גיך איינצו׳חזרן די סאלדאטישע פילאזאפיע און מאראל. דארף מען ווייזען, אז מ׳איז עפעס לעגיאנערען און געקומען פון די פוילענצער מאכען פעהיגע סאלדאטען. הויבט זיך אן א סדרה פון שימף-ווערטער, זידלערייען, גראבע אוממענשליכע באהאנדלונג, ביז גאט העלפט, מ׳ווערט „מענשען"...

פאר אונזער סעקציע איז געווען באשטימט צוויי נייע סערזשאנטען און א פאר קאפאראלען, וועלכע האבען דעם ערשטען טאג געכאפט א שעהנע לעבעדיגע קאין, זי געטויטעט, אפגעקאכט און מארגען שוין פון איהר געלעקט די פינגער. די סערזשאנטען זענען געווען: איינער א נעגער און דער צווייטער אן איראפעער. דער נעגער האט אונז ניט פיל געטון. עס ווייזט אויס, אז ער האט זיך געפיהלט, פארט פון א נידעריגער ראסע און איז צופרידען געווען, ווען מ׳האט פון איהם ניט אפגעלאכט. דער איראפעער אבער האט זיך שוין ניט געהאט מיט וואס צו שעהמען און האט גענומען א הויכען טאן, — אליין איז ער באשטאנען פון צוויי רויטע פארדרעהטע שנור-בענדער, צוויי קליינעטשקע גנבה׳שע אויגען, א סאלדאטישען שטעל, אן אויטאמאטיש - שטרענג אנגעצויגענעם געזיכט, וואס ווייזט אויף יעדען טריט און שריט, אז ע ר איז עס.

מאכט זיך אמאל, קומט ער אריין אין אונזער צימער, וואו ס׳האבען זיך געפונען 35 אידישע סאלדאטען מיט אן אלטען סערזשאנט און קאפאראל, אויך אידען, און גיט א זאג: „רופט אויס די סאלדאטען!" — „דאס איז שוין געטון געווארען" — רופט זיך איינער אפ. „רופט אויס!!" שרייט שוין דער אפיציר מיט זיין סאלדאטישען טאן און גיט א טופע מיט די פיס. א פאר אידען זענען שוין געשלאפען, האבען זיי זיך פאר שרעק אויפגעכאפט — און ער האט געמוזט אויספיהרען זיינס. אויף מארגען איז דאס גאנצע צימער מיט׳ן סערזשאנט און קאפאראל באשטראפט געווארען דערפאר, וואס מען האט איהם גלייך צו דער שטעל נישט געטון וואס ער האט באפוילען.

דאן האט זיך אנגעהויבען צו צעפלאקערען די אידישע נקמה. יעדער האט געשוואוירען ראכע צו נעמען אין דעם מערדער, אין דער מלחמה מוז ער די ערשטע קויל כאפען, טאקע פון די אייגענע סאלדאטען... און אידען האבען זיך דערלעבט די נקמה אין דעם סערזשאנט. איינמאל, פלוצלינג, קומט דער קאלאנעל אין די קאזארמעס און דער סערזשאנט איז ניט געווען. ער האט זיך אין שטאדט געמוזט אנ׳שיכור׳ן און איז צו שפעט געקומען. האט מען איהם גלייך די גאלאנען אפגעריסען און געגעבען פופצעהן טאג טורמע און געמאכט פון איהם א סאלדאט פון דער צווייטער קאטעגאריע, אהן בענדלאך אין אן אלטען מונדיר און געהט מיט די גרעסטע קאליקעס סאלדאטען, וואס ער פלעגט זיי אמאל אזוי שעלטען און שימפען און זיך גרויס מאכען איבער זיי. דוכט זיך געגוג, אז ער דארף אצינד שטעהן אונטער דער קאמאנדע פון דעם, וועמען ער האט אמאל געשטופט מיט דער ביקס. די אידען דערזעהן די מפלה פון דעם קליינעם „המן", נאר אנשטאט נקמה, הויבען זיי אן רחמנות צו קריגען אויף איהם. — אזוי איז צו מיר צוגעגאנגע איינער, וואס האט איבער איהם געקריגען 8 טאג צו זיצען און געזאגט: „איהר ווייסט, אז כ׳האב אויף איהם מיטלייד? ווען איך וואלט געהאט די מאכט, וואלט איך איהם געמאכט ווידער פאר א סערזשאנט". דער צווייטער שעהמט זיך איהם צו קוקען אין [illegible] אפשר וועט ער זיך פארשעהמען. אט אזוי האבען אידען [illegible] [illegible]לכע האבען פריהער געפייערט אויף [illegible] דעם אומגליק [illegible]אס מען איז באגאנג[illegible] [illegible]שען..."

[illegible] ס באגען נאר איין [illegible] א

## אומזיסטע קורסען אין דער האנדעלס שולע אויף בעלגראנא 2419

די פארוואלטונג פון דער האנדעלס-שולע אויף בעלגראנא 2419 מעלדעט אז עס איז שוין דערעפענט געווארען דאס איינשרייבען זיך פון תלמידים אויף די רעגולערע קורסען פון פארשטעהענדען יאהר וואס ווערען געגעבען אין דער דער מאנטער שולע אין איינקלאנג מיט די אפיציעלע פלענער און פראגראמען.

דער למוד איז דארט פאלשטענדיג אומבאצאהלט און דער שטודיום איז אפיציעל אנערקענט פון דער רעגירונג, לויט א רעזאלוציע פון בילדונגס מי־ניסטעריום פון 5-טען אקטאבער 1924.

די קורסען ווערען געגעבען אין אווענד פון 19 ביז 22.30 אזייגער, א שעה וואס איז צוגעפאסט פאר אנגע־שטעלטע אין ארבייטער עלטער פון 16 יאהר.

פאלגענדע דאקומענטען ווערען געפא־דערט ביים איינשרייבען זיך אויף די קורסען: די עלטער פון תלמיד, א סער־טיפיקאט פון 6-טען גראד און א געזונט ציינעניש.

## די מלוכה אייזענבאהנען האבען געגעבען א דעפיציט אין 1927

דער רעכענונגס טריבונאל פון דער נאציאנאלער קאנטאדוריע האט מיטגע־טיילט דעם פינאנץ מיניסטער, דאס אי־בערקוקענדיג די בוכפיהרונג פון דער אייזענבאהן פארוואלטונג האט דער דע־לעגאט פון רעכענונגס טריבונאל אויס־געפונען אז דער טעטיגקייטס פעריאד פון די רעגירונגס אייזענבאנען פון 1927 האט געגעבען א גאנץ באדייטענ־דען דעפיציט.

מערקווירדיג איז וואס עס ווערט ניט אנגעגעבען די סומע פון דעפיציט. אבער ווי מען איז משער אויפן סמך פון דא־טען און קאלקולאציעס וואס געהערען צו די ערשטע 10 מאנאטען פון פאר־גאנגענעם יאהר, וועט דער דעפיציט דערגרייכען העכער א מיליאן פעזאס.

## היינט פליהט אפ דער צווייטער פאסט אוויאן מיט קארעס־פאנדענץ פאר איראפא

היינט פארטאג פליהט אפ פון אעראד־ראם אין גענעראל פאטשעקא דער צוויי־טער פאסט אוויאן פון דער לאטיקאר געזעלשאפט, פיהרענדיג קארעספאנדענץ פאר בראזיל, אפריקע און איראפע.

אויסער דעם וועט דער אוויאן דער־גרייכען דעם קומענדיגען שבת אין ריא דע זשאנעירא די פאסט שיפען „וויגא“ און „קאנטע ווערדע“, איבערגעבענדיג קארעספאנדענץ, דער ערשטער פאר דייטשלאנד און דער צווייטער פאר גאנץ איראפא, ווי אויך פאר די פאסא־זשירען וואס פאהרען אויף די צוויי דער מאנטע שיפען.

דער פאסט אוויאן וואס פיהרט קא־רעספאנדענץ פון איראפא ווערט דער־ווארט אין פארטא: פראיא.

## קרבנות פון וואהל פראפאגאנ־דע אין קארדאבא

עס געהט ניט אריבער קיין איין טאג אז דער פראווינץ קארדאבא זאלען ניט באקומען ווערען ידיעות פון בלוטיגע פאסירונגען און קרבנות פון דער וואהל פראפאגאנדע.

אין סאן וויסענטע, א אומגעגענד פון דער שטאדט קארדאבא, איז אין א שי־סעריי צווישען איריגאזשעניסטען און דעמאקראטען דער׳הרג׳עט געווארען דר. קאמפערא איינער פון די אנפיהרער פ.ז די ראדיקאלען איריגאזשעניסטען, און איינער פון די דעמאקראטען איז גע־פעהרליך פארוואונדעט געווארען.

דער רעגירונגס מיניסטעריום האט פאנאנדערגעשיקט צירקולארען צו די פאליציי שעפען מאכענדיג זיי אויפ־מערקזאם אויף די מיסברויכען וואס ווע־רען באגאנגען מיט טראגען פייער גע־וועהר.

„א רוהיגע פראפאגאנדע פון די ביר־גער לטובת זייערע קאנדידאטען — זאגט זיך אין צירקולאר — איז א הייליג רעכט

---

# קאריקאטור

(רעדאקציע: מ. אייטשלבוים (מענדעלע) און נ. צוקער)

„די קאריקאטור“ וועט, אויף אן אריגינעלען אופן און גאנץ אביעקטיוו, אפ־שפיגלען דאס היגע אידיש - געזעלשאפטליכע לעבען און וועט מיט זיך פארשטעלען א טריבונע פאר הומאר, וויץ און סאטירע.

**דערשיינט דעם 15-טען מערץ**

---

# אידיש רעליגיעזע ארגאניזאציע

עס ווערען איינגעלאדען אלע מיטגלידער פון אויבערראט בייצוזיין די

# דרינגענדע זיצונג

וואס וועט פארקומען היינט, דאנערשטאג 8-טען ד. מ. 21 אזייגער אין לאקאל פון חברה קדישא אשכנזי — פארטאלעזא סיערא 1876.

די קאמיסיע [illegible]

70594

אין ל י אָ ן האָבן זיך צוזאמענגעטראָפן די פּאריזער פרײ־װיליקע מיט דער שװײצארישער גרופּע פרײװיליקע, װעלכע זענען אהער געקומען פון דער פראנצויזישער און דײטשער שװײץ און געװארט אויף זײער רײע ארויסגעשיקט װערן אויפ׳ן פראָנט. צװישן דער שװײצארישער גרופּע זענען געװען פיל רוסישע אידן: סטודענטן װאָס זענען ניט צו־געלאָזט געװאָרן אין די רוסישע אוניװערסיטעטן און אלערלײ רעװאָלו־ציאָנערן װאָס האָבן זיך אויסגערוסן פון די צארישע הענט אָדער רוסי־שע „טורמעס". דער רוב פון זײ איז געװען באשעפטיקט אין דער זײגער־אינדוסטריע. אלע זענען זײ געקומען מיט דער זעלבער אידײע: זיך שלאָגן קעגן דער מיליטאריסטישער דײטשלאנד.

אסך פון די „פּאריזער" האָבן געשלאָסן קענטשאפט מיט די „שװײצארער" אדאנק דער פארמיטלונג פון פ ר י ד מ א נ׳ ען, װעלכער איז געקומען מיט דער „שװײצארישער" גרופּע און פריער געװאוינט אין פּאריז, װאו ער האָט געהאָט פיל באקאנטע צװישן די איצטיקע פּאריזער פרײװיליקע.

פ ר י ד מ א ן האָט געשטאמט פון א קלײן שטעטל אין אוק־רײנע, געװען א „עקסטערניק" װאָס איז ניט צוגעלאָזט געװאָרן אין די רעגירונג׳ס שולען, געװען אויך א רעװאָלוציאָנער װאָס האָט דורכגע־מאכט אלע רוסישע „טורמעס" און מיט׳ן עטאפּ געגאנגען צופוס פון דער װאָלגא ביז׳ן דניעסטער.

קײן אויסלאנד איז ער אָנגעקומען ענדע יאָר 1905, װען מ׳האָט די באפרײטע רעװאָלוציאָנערן װידער גענומען זוכן און פאר־שיקן.. געװעז ער איז אויסגעװען אין דײטשלאנד, עסטרײך־אונגארן, איטאליע, פראנקרײך, צולעצט געארבעט און שטודירט אין דער שװײץ, פון װאנעט ער איז אהער אָנגעקומען מיט א גרופּע רוסישע סטודענטן

און ארבעטער [illegible] אלס פריי־ווילליקער אין דער פראנצויזישער רעפוב־
ליקאנישער ארמיי קעגן דעם דייטשן אימפעריאליזם..

מיט דער גרופע זענען געקומען אויך איניקע קאזאקן, וועל־
כע האבן ניט לאנג מיט די זעבלן און „קנוט'ן געשניטן די זעלבע ארבעטער
און סטודענטן אין רוסלאנד און דא געווארן בעסטע חברים. די ארבעטער
און סטודענטן האבן זיי דערפאר אפגעצאלט מיט גוטע עצות, מיט שטיצע
און זיי געלערנט שרייבן און לייענען רוסיש און פראנצויזיש..

פרידמאן איז געווען דאס הארץ פון דער „שווייצער" גרופע.
האט זיך עפעס געמאכט א צרה, איז מען געקומען צו אים; פאר יעדן האט
ער פארמאגט א גוט ווארט, א טרייסט און אן עצה.

אזוי, למשל, ווען די אונטעראפיצירן האבן באפוילן, אז אלע
פריי־ווילליקע זאלן זיך לאזן אפשערן די האר פון קאפ גלאט ביז צום קאפ
און טאקע אויפ'ן פלאץ זיך גענומען צו דער ארבעט,_ האט דאס גענומען
פארדריסן און באליידיקן דעם עולם: ס'טייטש! און אז איינער וויל טראגן
לאנגע האר? ווער שטערט דאס?_ און מ'האט זיך אנגעהויבן רעוואלטירן.
אסך האבן זיך אויסגעהיט ביים דורכגיין דעם הויף פון דער קאזארמע,
אנדערע האט פשוט זיך אפגעזאגט אראפצונעמען די היטלען, ווען מ'האט
זיי באפוילן. דאס האט געבראכט דערצו, אז דער שערער פלעג אין דער
שטיל אונטערקומען אונטער'ן סאלדאט, אים אראפכאפן דאס היטעל און גע־
שוירן.. ס'איז אפילו דערגאנגען צו א קאמף צווישן די אונטעראפיצירן
און פריי־ווילליקע. ווער ווייסט מיט וואס די געשיכטע וואלט זיך געווען פאר־
ענדיקט, ווען פרידמאן מישט זיך ניט אריין...

__איר זענט געקומען_האט ער געטענה'ט צו די פריי־ווילליקע־
מיט גוטן ווילן צו העלפן די פראנצויזן; קיינער האט אייך ניט געבעטן

70596

27

און ניט גערוסן ביי דער קאפאטע זיך איינצושרייבן. איר זענט גרייט צו גיין אויפ'ן פראנט פארטיידיקן — און אפשר שטארבן פארטיידיקנדיק — די רעפובליק קעגן דעם אימפעריאליזם, און נאך איידער עפעס איז האט איר שוין חרטה און זענט ניט צופרידן וואס מ'בארויבט אייך א ביסעלע פון אייער פרייהייט, ווען דאס איז אפילו פון אייער טובה וועגן: מ'שערט אייך אפ, אז מ'זאל זיך צו אייך קיין שמוץ און קראנקייט ניט צוטשעפן.

די רייד האבן געווירקט, דער עולם האט זיך אונטערגעגעבן און דער אינצידענט איז דורך שטיל און ווייטערס.

אזוי איז אויך געווען, ווען די אלטע לעגיאנערן פון מארא-קא, אונזערע אונטערריכטער, האבן זיך גענומען באליידיקן די פרייווי-ליקע אויף יעדן שריט און טריט: פוילענצערן טויגניכצן! איר זענט געקומען צוליב דעם „גאמעל“ (קעסט). דאס האט אזוי אויפגעבראכט, אז מ'האט באשלאסן זיך צו פארקלאגן צו דער העכערער מאכט און, איין מאל ווען מ'וועט ניט קריגן קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער, מאכן א שטרייק מיט'ן עסן און ניט צו גיין אויף די איבונגען.

— איר ווילט פארקלאגן די קאץ פאר'ן נאשערן? — פארשטייט איר דען ניט, אז די וועלט האלטן איינער פאר'ן צווייטן? און אויב איר פילט זיך העכער פון די מענטשן אטאמאטן וואס ווארפן אייך אויס זייערע פעלער, דאן איגנארירט זיי און הערט זיך ניט צו צו זייערע זידעל-ווערטער — וועלן זיי אליין אויפהערן. פארגעסט ניט, אז זיי זענען נאך ניט פראנקרייך, פונקט אזוי ווי לודוויק דער 14-טער איז נאך ניט געווען דער שטאט, ווי ער האט דאס געמיינט. דאס וואס מיר טוען פאר'ן פראנצויזישן פאלק שטייגט איבער די קלייניקייטן. דאס וואס מיר ווערן באשמוצט און אויסגעלאכט איז גאר דער בעסטער באווייז: אלע גרויסע גייסטער און אידעאליסטן זענען פארפאלגט און באליידיקט געווארן, ווייל מ'האט זיי ניט פארשטאנען... דאס איז א געזעלשאפטליכער געזעץ:

די אידעאליסטן לײדן פון די מענטשן, פאר װעלכע זײ זענען זיך מקריב..

דערקעגן, פרידמאן איז געװען פון די איניציאַטאָרן פון א מאָראַ-
לישן פּראָטעסט קעגן דער באלײדיגונג: „זיך אנגאַזשירט צוליבן גאַמעל".—
דאָס איז געװען ערב יום-כּפּור. אלע אידישע פרײװיליקע האָבן זיך פאַר-
שטענדיקט, אז דעם יום-כּפּור זאָלן אלע פאַסטן אלס פּראָטעסט: ערשטענס,
װעט דאָס הײסן, אז זײ זענען ניט קײן פרעסער און קאָנען אָפּפאַסטן א
גאַנצן מעת-לעת און דערצו נאָך מאַכן די איבונגען; צװײטענס, װעלן זײ
זיך צונויפלעגן און קויפן פאַר אײגן געלט אויף צו אָפּפאַסטן, כּדי צו
װײזן, אז זײ נויטיקן זיך ניט אזױ שטאַרק אין זײער „גאַמעל". און
אזױ איז טאַקע געװען. מוצאי-יום-כּפּור, נאָך די איבונגען, זענען זיך
צוזאַמענגעקומען אלע פרײװיליקע, געגרײט צו טיש אײגענע װאורשט, װײסע
ברויט און ביר און זיך גענומען געמיטליך און פּאַמעליך עסן, דערקלע-
רענדיק די אונטערריכטער װאָס זענען דערבײ געשטאַנען, אז זײ
זאָלן אכטונג געבן, װי אזױ מ'האָט זיך אנגאַזשירט צוליב'ן „גאַמעל"
און װי אידן זענען בכלל להוט נאָכ'ן עסן...

די אָפיצירן האָבן דרויף געלויבט די אויסגעהאלטנקײט און
אחדות פון אידן, זײער הארטנעקיקײט, א דאַנק װעלכער זײ זענען ניט
אונטערגעגאַנגען אין די אלטע צײטן און װעלן קײנמאָל ניט אונטערגײן...

די אונטער-אָפיצירן און אינסטרוקטאָרן, װעלכע פלעגן אויס-
װאַרפן דעם „גאַמעל" זענען פאַר בושה ארויסגעגאַנגען פון די קאַזאַרמעס
און זיך ניט געװיזן פאַר די סאָלדאַטן דעם גאַנצן אָװנט.

די פרײװיליקע פון אנדערע פעלקער װאָס האָבן בײגעװאוינט דעם
ספּעקטאַקל האָבן אַפּלאָדירט דעם אײנפאַל פון פּראָטעסט, װאָס האָט געטראָגן
אן אלגעמײנעם כאַראַקטער.

די גרינדער און שעפער פון הויכע אידעאלן מוזן אומקומען דורך די הענט פון די, פאר וועמען זיי האבן די אידעאלן געשאפן..

דערקעגן איז פרידמאן געווען פון די איניציאטארן, וואס האבן געראטן ארויסצוווייזן א מאראלישן פראטעסט

א

29

343

70598

# א ױ נ י אָ ן

װען די פרײװיליקע האָבן דורכגעמאַכט די „שבעה מדורי גיהנום" אין ל י אָ ן און אויסגעהאַלטן די פרוװ פון אַלערלײ מאַנעװרעס מיט'ן פולן זאַק אויף די פלײצעס, האָט מען פון זײ ערשט אויסגעקליבן די פײ-היגסטע און אװעקגעשיקט קײן א ױ נ י אָ ן, די אמאָליקע קרוין-שטאָט פון די פויפסטן אין גלות. דאָרטן האָט מען אונז אַרײנגעזעצט אין דעם היסטאָרישן „פאַלע דע פאַפ"— דער פויפסטליכער פאַלאַץ װאָס איז געבליבן א זכר פון דער מיטעלאַלטערישן מחלוקת צװישן די פויפסטן. בעת רו האָבן מיר זיך נית אָנגעזען און כמעט פאַרלוירן אין די קאָלאָסאַלע פוסטע און קאַלטע צימערן פון דעם פויפסטליכן שלאָס מיט די פעסטע ריזיקע שטײ-נערנע װענט און זאַלן; װען אָבער דער קלעראָן האָט אונז גערופן אויס-שטײן 5 אזײגער פאַרטאָג, האָבן זיך װי פון דער ערד אַרויס-באַװיזן א גרויסע מאַסע באַװאָפנטע און קרינפאַרטיקע סאָלדאַטן..

אין אױניאָן האָבן מיר שוין אָנגעהויבן צו שמעקן פולװער און אויך אַן אמת זיך גרײטן צו דער מלחמה. דאָ האָבן מיר, אַלע שלאַכט-גענאָסן, גענומען זיך צו פאַרברידערן אײנער מיט'ן צװײטן. יעדער סאָל-דאַט האָט געמוזט קענען זײן קאַפיטאַן, זײן סעקציע-שעף, דעם סערזשאַנט, זײן קאַפּאָראַל,— פונקט אַזוי װי ער האָט געװוסט זײן מעטריקול און דעם נומער פון זײן ביקס. דערצו האָט נאָך יעדער אײנער געמוזט האָבן א שלאַכט-חבר פון דעמזעלבן עסקװאַד, מיט װעמען ער האָט געדאַרפט זיך טײלן אויפ'ן שלאַכט מיט די לעבענס-מיטלן, העלפן באַנדאַזשירן אין פאַל פון פאַרװונדונג אָדער קרענק און זיך נית צעשײדן ביז'ן טויט.. אויף מײן גורל איז אויסגעפאַלן אַלס ערשטער שלאַכט-חבר אין אױניאָן אײנער א אָפערן-זינגער, א געבוירענער אין מ אָ נ ט אָ ק אַ ר ל אָ. ער האָט א געװיסע צײט גאַסטראָלירט אין דער פּראָװינץ, דערנאָך — אין אויסלאַנד

שפּעטער, איידער ער האָט זיך אָנגעגעבן אלס פרייוויליקער, האָט ער גע–
שפּילט אין דער פּאריזער אָפּערא. מען האָט זיך גענומען אונז צו צוגרייטן
און אויסטוצן צו דער „חתונה”, ווי די אמת׳ע מחותנים. אויף די הענט
האָט מען אונז אָנגעטאָן אייזערנע בראַסלעטן-קייטלעך מיט בלעכלעך, אויף
וועלכע ס׳איז געווען אָנגעשריבן דער פאמיליע-נאָמען, נאָמען און נו–
מער פון מעטריקול, כדי מ׳זאל האָבן די מעגליכקייט צו דערקענען דעם
סאָלדאט אין פאל, ווען מ׳וועט אים געפינען א טויטן... פאר׳ן אָפּפאָרן
אויפ׳ן פראָנט האָט מען יעדן פון אונז געגעבן א שטיק פירעקעכיק
ווייסע לאַווענט, ~~עלע~~ געהייסן דאָס ארומנייען ארום דעם רענצל און דערויף
אָנשרייבן דעם נאָמען און מעטריקול פון אייגנטימער, כדי אין פאל פון
טויט זאל מען דורכ׳ן רענצל דערקענען דעם געהרג׳עטן...

מיין שלאכט-חבר האָט דאַן אויסגעזונגען די ווערטער פון ה א מ–
ל ע ט׳ן: „איך האָב זיך אנטוישט, נאָר ס׳איז פארפאלן!”.. ער איז
איבערהויפּט געווען זייער א פריילעכער און לעבעדיקער יונג וואָס האָט גע–
לעבט פון האַנט אין מויל און ניט געקלערט פון דעם מאָרגן. פאר אונזער
אָפּפאָרן פון אוויניאָן האָט ער באַקומען א רעקאָמאנדירטן בריוו פון פּאריז.
איך האָב באמערקט, ווי טרערן קייקלען זיך אים פון די אויגן בעת לייע–
נען און אז ער האַלט אין דער האַנט עפּעס שטאַרק צוגעדרוקט צו זיין ברוסט. איך האָב
ניט אויסגעהאַלטן און אים געפרעגט וואָס איז מיט אים דער מער. „דאָס
וואָס איך האַלט אין דער האַנט– האָט ער מיר געענטפערט– איז מיין גאַנץ
פארמעגן! פאר מיליאָנען גיב איך דאָס ניט אָפּ!” איך האָב אים באַטראַכט
און ניט געוואוסט, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט אויפגעעפנט זיין
האַנט און מיר געוויזן 5 קליינע פּעקלעך: אין יעדן פּעקעלע האָט זיך
געפונען אביסל האָר און דערויף אן אויפשריפט, צו וועמען די האָר געהערן:
„אָט דאָס איז מיין אוצר– האָט ער מיט התלהבות אויסגעזונגען– די 4
קלענערע געהערן צו מיינע 4 מלאכימ׳לעך און דאָס 5-טע איז מיין פרוי׳ס...

דעם טאָג האָט ער מער שוין ניט געזונגען און די גאַנצע צייט

ג

45

70600

31

ארומגעשטאנט מיט א פארצויגענעם שטערן...

באלד האט מען אנגעהויבן צו פארמירן מארשירענדע באטאליאנען צום פראנט פון די פרייוויליקע, פריש-געבאקענע סאלדאטן: צום ערשטן האט מען אוועקגעשיקט דעם באטאליאן א, דערנאך-דעם באטאליאן ב, דערנאך-צו און צום לעצטן-ד; אזוי איז געווען אין ליאן און אוויניאן, וואז ס'האט זיך פארמירט דער ערשטער מארשירענדער אויסלענדישער רעגימענט-„לעזשיאן עטראנזשער"-, אזוי איז אויך געווען אין באיאן און בלוא, וואו ס'האט זיך פארמירט דער צווייטער אויסלענדישער רעגימענט צום פראנט.

אויף אזא אופן, האבן דער ערשטער און צווייטער רעגימענט פונם „פרעמדן-לעגיאן" באלד נאך דער מארנע-שלאכט פארנומען ערשטע פאזיציעס פון דער ערשטער ליניע אין שאמפאן צווישן שאלאן און רייאס

32

70501

# ש א מ פּ א ן

די ווינטער-חדשים האָבן מיר פאַרבראַכט אין דעם פלאַך-לאַנד פון שאַמפּאַנמיט זײַן גרויסן סטראַטעגישן מאַנעוור-פּלאַץ וואָס האָט פאַרנומען אַ שטח פון 12.000 העקטאַר און איז געווען אויסגעגראָבן אויף אַ לי_ניע פון עטליכע-און-פערציק קילאָמעטער מיט זיגזאַגישע טראַנשייעס. דורך דעם דאָזיקן לאַבירינט פון פאַרפּלאָנטערטע טראַנשייעס זענען דורכ_געגאַנגען רעגימענטן, בריגאַדעס, דיוויזיעס און ווי פאַרשלונגען געוואָרן פון דעם דאָזיקן פעלד-מאָנסטר.. קיין אָפענע שלאַכטן זענען די צייט ניט פאָר_געקומען, אָבער פון צייט צו צייט פלעג מען זיך העפטיק איבערשיסן און ניט ווייניק קרבנות זענען דערביי געפאַלן.

איי ניקע פונקטן האָבן באַקומען זייערע נעמען צוליב די בלוטיקע געשעענישן וואָס האָבן זיך אין זיי אָפּגעשפּילט. אַזוי האָט אַ טייל פון דעם ר י מ ס ע ר וואַלד באַקומען דעם נאָמען „בוא-דע-זוואוו" (זוואוון-וואַלד)/ . דער דאָזיקער טייל וואַלד איז אין משך פון 2 טעג איבערגע_גאַנגען אַ צענט מאָל פון האַנט צו האַנט און לעבן יעדן בוים האָבן זיך געוואַלגערט עטליכע טויטע קערפּער אין גרויע און בלויע מונדירן, ביז די זוואוון האָבן אים באַזעצט און פאַר קיין פּרייז אים ניט געוואָלט אַרויס_לאָזן פון זייערע הענט... אמת, זיי האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט_ אַ 3/4 פון זייער עפעקטיוו, אָבער דער נאָמען פון וועלדל איז געוואָרן „בוא-דע-זוואוו". די טראַנשייע ה א ר י ק א, די עקסטרעמסטע צו „בוא-דע-זוואוו" קעגנײַבער דער פעסטונג ל א פּ א מ פּ ע ל, איז געווען דער שרעק פון דער ערשטער ליניע. פון דאָרטן פלעגן די אָפּטיילונגען קומען מיט אַ פאַרלוסט פון אַ דריטל אָדער אפילו פון דער העלפט פון זייער מאַנשאַפט, אין פאַרלויף פון 3 טעג, וואָס זיי פלעגן געוויינליך דאָרט פאַרבלייבן. דורך די „קרענאָ"_ ספּעציעלע סימולירענדע לעכער צום שיסן_ פון דער

33

70502

„האַריקאַ" האָט מען געקאָנט זען אױסגעלעגט צװישן די געדרײטע שטעכיקע דראָטן און פאַרלאָזענע בױט-סגאַטעס גאַנצע שורות פון טױטע צעפּרעסטע מענטשליכע קערפּער. װאו-ניט-װאו האָבן זיך נאָך געזען װײַסע פענדלעך די אײנציקע עדות פון דער גסיסה פון די שױן פאַרפױלטע מתים...

דאָרטן געפינט זיך אױך א שטײנערנע מצבה: יצחק לעװי, דער ערשטער געפאַלענער קעמפער פון די פרײװיליקע!.. בײ דעם קבר איז אױסגעקומען יעדן „סענטינעל" צו װאַכן 3 מאָל טעגליך און 4 מאָל אין דער נאַכט די לאַנגע װינטער-חדשים.

בײם באַגעגענען [illegible] נײ-יאָר 1915 האָטמען אױך ניט פאַרגעסן די טראַנשײע-אײנװױנער און אונז מכבד געװען מיט א פלאַש שאַמפּאַניער אױף 4-ן און א פּאָר ביסקװיטן אױף צװײען. צוליב דער דאָזיקער שמחה האָבן חברה אינגאַנצן זיך פאַרגעסן און אָנגעצונדן א חלבין ליכטעל און פאַרױבערט דערבײ ציגאַרעטלעך. דאַרף זיך פונקט טרעפן, אַז פון אומפּאַר-זיכטקײט זאָל די שרױ אונטער די פיס אָנהױבן צו סמאַלן און ברענען. מער האָט מען ניט באַדאַרפט: די „באָשעס"(דער צונאָמען, מיט װעלכן די פראַנצױזן רופן אָן די דײטשן) האָבן שױן געהאַט א ציל און געטראָפן אױפן ריכטיקן אָרט; עטליכע טױטע און שװער פאַרװאונדעטע איז גע-װען דער רעזולטאַט פון דער נײ-יאָר-פײערונג...

בײ דער טראַנשײע „מאַרקיז", פון װעלכער מ'האָט אַרױסגעזוקט אױף פלאַכן אין אונגענדליך ברײטן שטח פאַרצױגן מיט קונציק פאַרדרײטע געפלאָכטענע דראָטן, אױף װעלכע ס'האָבן געהאָנגען אױסגעטרוקנטע סקעלעטן אין מונ-דירן װאָס האָבן אױסגעװיזן װי „סטראַשולקעס" אױף איבערצושרעקן די פױגל. — ~~[illegible]~~ אין בית-עולם מיט דער אײט אױסגעװאַקסן און זיך צעפּליט א פּרעב-טיקער מיט סימעטריש גלײכע רײען הילצערנע צלמים און יונגע בױמעלעך אױף פרישע אידישע קברים

דערפאר אבער איז די טראנשײע „בוא-דע-לאמאר״ געווען דער „גן-עדן״ פון די ערשטע ליניעס. די דאזיקע טראנשײע האט פארנומען א שטח פון עטליכע קילאמעטער קוואדראט נידעריקן באדן און וואסער, און אהין פלעג מען קומען פון די ארומיקע טראנשײעס נאך וואסער. אויסער דעם וואסער-זומפ און נאטירליכן קוואל, פון וועלכן מ׳האט זיך געקאנט אנטרונקען וויפיל מ׳האט נאר געוואלט און, דער עיקר, געהאט די מעגליכקײט אויסצוואשן דאס העמד וואס פלעג פונם ברודי- קײט ווי צוואקסן צום לײב און ווערן א גינסטיקער באדן פאר די לײז,- האט די טראנשײע געהאט נאך די מעלה, וואס דארטן זענען די סאלדאטן געווען אביסל פרײער, געקאנט צוליב דעם נידריקן באדן גײען מיט אויפגעהויבענע קעפ און ניט אזוי מורא געהאט פאר א קויל. דערי- בער האבן זיך געשעצט גליקליך די אפטײלונגען, וועמען דער גורל איז אויסגעפאלן צו פארנעמען א פאזיציע אין דעם געבענטשן לאנד. אז אלע זענען דארט געווען שטארק זיכער מיט׳ן לעבן- קאן מען אויך ניט זאגן: ניט איינמאל האט געטראפן, אז א פארלוירענער„77 אדער א פארבלאנזשעטע קויל האט אויך דארטן געטראפן זײערע קרבנות: אבער מ׳איז דאך ניט געצוווּנגען געווען צו גײען אין דרײען געבויגן פאר פחד פון א זשומעדיקן שראפנעל און א סווישטשענדיקער קויל, מיט וואס דער אויער איז שוין צוגעוואוינט געווארן און דער קאפ פלעג זיך פון זיך אלײן, אינסטינקטיוו, אנבויגן... מיט אומגעדולד פלעגן די אפטײלונגען אין די שכנות׳דיקע טראנשײעס ווארטן אויף זײער רײע צו זײן אין „בוא-דע-לאמאר״, און ווען זי פלעגן זיך צוזאמענטרעפן דארטן בײם וואסער, ווי די חיות בײ די טײכן אין די טראפישע וועלדער, פלעגן זײ אלץ אויסרעכענען, ווען וועמענס רײע וועט זײן.

איינמאל,-אין דעמזעלבן „בוא-דע-לאמאר״- האבן חברה פון דער 2-טער סעקציע פון דער 3-טער קאמפאניע פון באטאליאן „ד״ מיט׳ן

70204

אַדיוטאַנט-שעף בראש גענומען_באַלד נאָך דעם ווי מ'האָט זיך דערוואוסט אַז די רוסן האָבן צוגענומען בײַ די עסטרײַכער די שטאָט פּשעמישל_ און אָנגעשריבן אויף אַ צוזאַמענגעקלעפּטער לאַנגער ברײט מיט גרויסע אותיות אין דײַטש: „פּשעמישל איז געפֿאַלן; קערט צוריק!"; און ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, האָבן זיך די חברה באַוואָרנט מיט דראָטן און צוועקעס, זיך שטיל צוגעשלײַכט צו די דײַטשע טראַנשײַעס און דאָרטן ערגעץ אויף אַ אָפּגעשטימענעם בוים די שילד אויפֿגעהאָנגען_ מיט אַ קלײנעם פֿאַר-לוסט פֿון צוויי פֿאַרוואונדעטע האָבן זיי זיך אומגעקערט. דער דאָזיקער שפּיצל האָט אָנגעמאַכט פֿיל קרבנות פֿון בײדע זײַטן: די דײַטשן האָבן זיך אײַנגע-שפּאַרט און געוואָלט אַרונטערנעמען די שילד וואָס האָט זיי געשטאָכן די אויגן די פֿראַנצויזן ווידער האָבן דווקא געוואָלט אַז די שילד זאָל בלײַבן הענגען. דער דאָזיקער ספּעקטאַקל האָט אַפֿילו אַרויסגעבראַכט די מוטלאָזע קריגער פֿון זײער מאָנאָטאָנער שטימונג און פֿאַרשאַפֿן אַרבעט די שפּיטאָלן-אָנגעשטעל-טע...

די צווייטע ליניעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל און זיגזאַ-גיש מיט אַ דיסטאַנץ פֿון צווײהונדערט ביז פֿינפֿהונדערט מעטער אײנע פֿון דער צווייטער, האָבן געדינט אַלס אָפּוועקסלונג און אָפּרו-אָרט פֿאַר די וואָס האָבן פֿאַרבראַכט 8 מעת-לעת דורכאַנאַנד אין די ערשטע ליניעס,_ הגם דאָ איז אויסגעקומען די גאַנצע נײַע נאַכט צו גראָבן טראַנשײַעס און בײַטאָג רײַ-ניקן און פּוצן דאָס געווער און די בלאָטיקע קלײדער.און שיך.

דעם ערשטן פּורים וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין די טראַנשײַעס ~~האָבן~~ איז זיך אויסגעקומען אַ גרופּע אידישע פֿרײַוויליקע צו פּראַוון די סעודה מיט אַלע פּרטים פֿון די אַלע פֿעטע פּעקלעך מיט גוטע געשמאַקע זאַכן וואָס ~~[illegible]~~ די אײגענע און פֿרײַנט האָבן אויף דעם יום-טוב צוגעשיקט. מ'האָט זיך ~~צוזאַמענגעטראָפֿן~~ פֿאַרקליבן אין אַ שוץ-גראָבן („אבֿרי") אין דער צווייטער ליניע נאָך האַלבע נאַכט און דאָרטן זיך געזעצט צו דער

סעודה. היות ווי דעם צווייטן טאג האט מען געזאלט איבערלאזן די טראנ־שיעט און זיין גרייט איין וועג אריין צו שפאנען, האט מען מיטגעבראכט דאס גאנצע געפעק מיטן וואפן. צייט איז געווען, האט מען זיך ניט גע־איילט און געמיטליך אויפגעגעסן אלע צוגעשיקטע זאכן, כדי לייכטער צו מאכן די משא אויס'ן רוקן בעת'ן לאנגן מארשירן. אייניקע האבן דערוויילט פון מידקייט און זאטן נאכטמאל געכאפט א דרימעל... אין אזא מאמענט פון גרייטן זיך אין וועג אריין און ווארטן איז דער שלאף זער אנגענעם און האניק זיס. ס'מעג דונערן איבער די קעפ און שפייען מיט פייער פון אלע זייטן — דער עולם כראפעט און שנארכעט אויף וואס די וועלט שטייט. ס'איז א חיות אין די ביינער און א רו אין הארצן! אבער ווען דאס דונערן פון הארמאטן שטורעמט/ אויף דעם „אבריי" מיט אזא קראכט, אז שטיקער ערד הייבן אן צו פאלן אויף די דרימלער און דאס באקאנטע פייפן פון פאקעטן קוילן גרילצט ממש אין די אויערן, — קאן מען שוין מער ניט שלאפן, ווי מיד און צעבראכן מ'זאל ניט זיין, און מ'כאפט זיך אויף פון שלאף: וואס איז פלוצלונג? מ'קוקט זיך ארום: די „אבריי" איז אין פלאמען און די דייטשן צילן אויף דעם ארט, אז מ'זאל ניט קא־נען לעשן.

— נויטיק אין לעבן געווען אפצוווארעמען דעם שאקאלאד — רופט זיך אפ איינער — אז די דייטשן זאלן אונז אזוי צושפילן צום דעסערט.

— וואס שפייען מיר, — רופט זיך אפ א צווייטער, — לאמיר זען וואס ס'איז דא צו מאכן! אויב ניט — זענען מיר אלע פארלוירן!

אבער וואס האבן מיר געקאנט מאכן? ס'איז ניט געווען ניט קיין וואסער, ניט קיין כלים אויף צו לעשן. האבן מיר מיט די קליינע לאפעטקעלעך און מיט די הענט צעגראבן די האלב־פארפרוירענע ערד און געשיט אויף דעם פייער. האבן אבער די דייטשן זיך גענומען שטארקער צו באמבארדירן. איז אונז געבליבן איינס פון די ביידע: אדער געטראפן ווערן

פון א קויל אָדער שראַפּנעל אָדער גאָר געבראַכט ווערן פאַר'ן פעלד-געריכט פאַר מאַכן פייער אין די טראַנשייעס און אזוי ארום צו ווייזן געבן דעם שונא, ווי מיר געפינען זיך. פּלוצלונג _ א מאַרש-סיגנאַל! האָט מען אלעס געלאָזט און גענומען שפּאַנען אין א אומבאַשטימטער ריכ_טונג....

דער „קאַנאַל", א צווייג פון דער מ א ר נ ע, וואָס לויפט פּאַראַלעל מיט דער לעצטער אויף א קליינעם דיסטאַנץ און פאַלט באַלד צוריק אין איר, אין דער מאַרנע, אריין,_ ווערט גערעכנט אלס דריטע ליניע,_ דער אַפּרו-אָרט נאָך א פּאָר וואָכן טראַנשייע-לעבן אין די ערשטע צוויי ליניעס. אין אמת'ן איז דאָרטן די פאָרטזעצונג פון דער ערשטער און צווייטער ליניע, ווייל סיי ווי איז מען דאָ אויך ניט זיכער מיטן לעבן מחמת דער אָפטער באָמבאַרדירונג פון דער שווערער אַרטילעריע; אויב ס'איז באַשערט צעריסן ווערן פון א „270"-טן אָדער אפילו פון א „150"-טן האַרמאַט, איז דאָך שוין גלייכער פון א קויל אין קאָפּ און דערביי הייסט מען כאָטש, אַז ס'איז געווען אויף דער ערשטער ליניע, ניט אויף „אַפּרו"... אויסער דעם, איז דאָרטן אויסגעקומען צו גראָבן א גאַנצע לאַנגע נאַכט טראַנשייען און א גאַנצן טאָג ריינגן, פּוצן און וואַשן זיך, די סאָלדאַטישע חפצים און קליידער. ווען ניט די פּריווילעגיע וואָס מ'באַקומט דאָ אָפּט פּאַסט און פּעקלעך פון דער היים, וואָלט שוין גלייכער געווען די ערשטע ליניעס.

אָט איז מ ר ו נ ע, א שטעטל, וואו מ'האָט ניט לאַנג צענומען די רעלסן, כדי צו שיצן די טראַנשייעס קעגן די פיינטליכע האַרמאַטן,_ א פּיטן בלויז פון א געוועזענעם ישוב, א צעבראָכענער סקעלעט מיט א שטיקעל טורעם פון דער חרובֿ'דיקער קירכע, און שטיקער ווענט וואָס שטאַרטשען ארויס, ווי עדות פונעם אַמאָליקן, אַמאָל טויזנטציקן שטעטל. אַצינד איז דאָ דער שפּיז-צענטער פאַר דעם גאַנצן סעקטאָר. און די זיבן

פון א פאר רעגימענטן, וואוהין ס'קומט פון א פאר קילאמעטער ווייט דורך די ~~xxxxx~~ געדרייטע, זיגזאגישע און קרומע אונטערערדישע וועגן גאַנ'ן „זופּ" און אנדערער חיונה. ס'טרעפט ניט זעלטן, אז די ~~xxxxx~~ זעלנער וואס זענען געקומען אהער ~~xxxxxx~~ נעמען דאס עסן זאָלן צוריק־וועגס פארשיט ווערן פון האָרמאטן און זייערע חברים אין די טראנשייעס זאָל|שוין פארשפּאָרן צו זען דאס עסן צוזאמען מיט די טרעגער...

ס ע ל ע ר י איז די פארזעצונג פון פרונע מיט דעם חילוק, וואס דאָ אין איינציקע חורבות געפינען זיך שוין עטליכע „ציוויליע" — אַזעלכע סאָרנע בריאים וועגן וועלכע מ'ווייסט גארניט אין פראנט — וואס האנדלען מיט ווײַן און שארפע געטראנקען. פון זיי דערווייסט מען זיך פון א לאנג פארגעסענער גאר אן אנדער וועלט, וואס אינטערעסירט זיך מיט אונדז נאָר אזוי־פיל, ווי־פיל מיר קאָנען איר געבן ידיעות וועגן די טויטע פון ביידע זייטן, פארוואונדעטע, געפאנגענע און דגל...
סעלערי האט אויך דעם פארצוג, וואס אירע טויטן־פעלדער זענען שוין סימעטריש איינגעאָרדנט, מיט די הילצערנע צלמים און קאסקען און קע־פּיס פון די געפאלענע סאלדאטן, אזוי אז פון דער ווייטנס קאָן מען דענקען, אז די סאלדאטן וואקסן פון דער ערד ארויס, פיקס און פארטיק אין גלייכע רייען צום שלאכט, און ווארטן נאר אויפ'ן באפעל פון גע־נעראל..

ו ע ר ז ע נ ע, אינגאנצן עטליכע קילאמעטער ווייט פון די טראנשייעס, טראגט שוין בולט'ע סימנים פון מענטשליכן ישוב; אהין פלעגט מען קומען זיך אָפּרוען נאך א חודש טראנשייע־לעבן. דאָ האט מען געקאָנט קריגן עפּעס אנדערש צו עסן, ווי די סאלדאטישע שפּייז וואס האט זיך אונדז שוין אזוי דערעסן, יאָ, ווי אנדערע האבן זיך בארומט, אויך „פרויען"; אבער דאס לעצטע דארף מען צורעכענען צו דער קראנקער פאנטאזיע פון די טראנשיי־מענטשן...

70608

אין װערעזענע האָבן מיר זיך פאר׳ן אָפּשײד מיט שאמפאן פאר-זאמעלט אין ערך הונדערט געקליבענע אידישע פרײװיליקע, כדי צו מאכן אין הספד דעם נאָר װאָס פארשטאָרבענעם גרויסן י.ל. פ ר ץ. ס׳איז אויך געװען דער לעצטער צוזאמענקונפט, װאו ס׳האָבן זיך געקאָנט טרעפן א היבשע צאָל אידישע העלדן. צום ערשטן האָט אײנער געטאכט אן „אל מלא רחמים" דעם פארשטאָרבענעם, דערנאָך האָבן אײניקע דעקלאמירט זײנע זאכן, מען האָט דערצײלט פארשידענע געשיכטן פון דעם גרויסן טויטןאון צום אָפּ-שײד געזונגען לידער... דאָס איז געװען א גרויסארטיקע אונטערהאל-טונג און טרויער צוזאמען...מיר האָבן זיך פארטראכט יעדער װעגן זײן אײגענעם לעבן און דערפילט, אז ניט אלע װעלן זיך פון די שלאכטן אומקערן... אזוי זענען מיר געזעסן ביז׳ן װײסן טאָג אריין, ביז דער שופר, - דער קלעראן -, האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן און אונז רופן צום „אפעל".

װ א ר ז י געפינט זיך מיט אײניקע קילאָמעטער װײטער פון װערזע-נע;דאָס איז א װיכטיקער צענטער, נאָך עפערנײ, פאר דער פאבריקאציע פון שאמפאניער װײן.- די שטאָט איז געלעגן אונטער דעם היגעל פון די שאמפאניער-קעלטערס/[illegible]/, אויף װעלכן ס׳האָט זיך געפונען א טורם צו היטן די ארומיקע װײנגערטנער פון פארשידענע משחיתים. כמעט אלע אײ-רע איצטיקע אײנװאוינער זענען געװען די סאָלדאטן װאָס זענען געקומען אהער זיך אָפּרוען פון די טראנשײעס. זײ פלעגן אָפט באזוכן די קעלערס, זוכן און פישטערן, אפשר װעלן זײ ערגעץ געפינען א פּאָר פלעשער שאמ-פאניער װאָס די „באָשעס" האָבן פארזען אָדער פארגעסן מיטצונעמען.װען ס׳פלעג זײ אָבער פאקן בײ אזא ארבעט, פלעגן זײ ארײנכאפן א 8 טעג „פריזאן".

ב ו ז י, אויף דעמזעלבן װעג הינטער װערזי, געפינט זיך אויף 25-30 קילאָמעטער װײט פון דער ערשטער ליניע. אהין פלעגן זיך צו-

זאמענקומען א גאנצער באטאליאן, אמאל אויך צוויי און דריי, זיך אפ-
רוען נאך א פאר חדשים פארברענגען אין די טראנשייען, ווי אויך מאכן
מאנעווערעס און איבונגען. דא, אין ב ו ז י, פלעג מען ניט הערן דאס
אומאויפהערלעכע רויש און דונערן פון קאנאנען, זעלטן אנגעקוקט
טראנשייען און זיך ניט פארנעמען מיט דער אומגעוויינלעכער ארבעט פון
סיסיפוס'ן צו גראבן טראנשייען אלע מאל און זיי באלד פארשיטן, כדי
אויסצובאטערן סאלדאטן, אדער, ווי ס'האט געהייסן, ניט לאזן זיי זאלן
ווערן פוילעניצער. דא האט מען זיך כאטש געקאנט פארגינען צו שלאפן
אין די שטאלן פון בהמות און פערד, אדער אויף בוידעמער, אונטער-
געבעט מיט פרישער שטרוי. איניקע זענען אפילו געגאנגען אזוי ווייט,
אז זיי האבן זיך דערלויבט אויסצוטאן אפילו די שיך און לופטערן די
פיס, ניט געקוקט דערויף וואס דאס איז געווען שטרענג פארבאטן. האט
זיך טאקע געמאכט א מאל, ווען אין מיטן דער נאכט, בעת אלע שלאפן
געשמאך און טראכטן אונטער דער [illegible] שוואכער באגלייטונג פון א באמ-
באמבארדירונג וואס קומט פון ערגעץ ווער ווייט,- האט זיך דער קלערון צע-
לאזט [illegible] ע אלארם-קויל, דער טאמבור האט געמאכט א געוואלד- און אלע
האבן זיך א לאז געטאן לויפן, אסך מיט די שיך אין הענט און אזוי
מיט די פארוועטע פיס געטאפטשעט דעם גאנצן וועג אין די בלאטעס...

אין פרילינג 1915, ווען דער זאמאטייקער פרילינגס-ווינט
האט שוין געהאט אפגערוימט די לעצטע שפורן פונם פראסטיקן שניי-
שטויב וואס האט צעריינצלט די פארהארטעוועטע ערד ווי קנייטשן א פאר-
עלטערט פנים און די ערשטע גלעטנדיקע זון-שטראלן האבן מיט זייער
ליבעס-ווארעמקייט פאוויזן ארויסצובאקומען פון די פארגליווערטע ערד-
ארטעריעס נייע שפראצונגען,- האט אויך די שטראלענדיקע האפנונג ארום-
גענומען די שמאכטענדיקע טראנשייע-איינוואוינער פון די גוטע בשורות,

70610

10 41

אז ײן ען װעט נעמען צו די טראנספּארטען און אז אן אָפענע פעלד-שלאכט װעט שליסן דעם גורל פון די שטרײטענדיקע פעלקער. די פון אלעמען פארגעסענע פארמאטערטע טריגלאדיטן, װעלכע האבן שוין געהאט פארלוירן יעדן פונק פון לעבעדיקער סעטיקײט און אילענטקראפט אין משך פון די שװערע װינטער-חדשים און געשלאסן שלום מיט זײער גורל, האבן אויפגע-װאכט צום לעבן. דאס געפיל פון שטענדיקער אומגעדולדיקער דערװארטונג און נאגענדיקער נײגעריקײט פאר דעם אומפארמײדליכן, װאס איז אײנגע-שלאפן אין פארלויף פון דער צײט אין א לעטארגישן שלאף, האט איצט אויפגעלעבט. די ביטערע דערפארונג פון די לעצטע סעפטעמבער-שלאכטן אויף דער מארנע איז צעשװומען און אויסגעװעבט געװארן פון קאפ צו-זאמען מיט'ן לעצטן שנײ. מיט א פרײליכן איטפעט האבן גענומען ארויס-קריכן פון די שון-לעבער ניט-דערשלאפענע, ברודיקע, פארהאקטע און מוראדיקע בריאים אונגעשטן אין צעקנײטשטע פארבלאזע מונדירן, װעלכע זענען טער עגליך געװען צו אומטערדישע באשעפענישן , װי צו לעבע-דיקע מענטשן.

אין אלגעמײנע רעזשים איז דורכגעפירט געװארן. צום ערשטן האט מען איבערגעקוקט די „טאנט"(געצעלט), די קאלדרע (װעלכע האט גע-האט א טבע פון זיך אלײן זיך רירן פון ארט..), די שיך און קלײדער; דאס רענצל(װאו ס'האט זיך געפונען דער פארצײכנטע טרענער מיט 800 קארטושן, װאס פלעגן אויף א מיסטעריעזן אופן פארשװינדן..), די שפײז-טארבע, װאו ס'האט זיך געדארפט געפינען לעבנסמיטלען אויף 48 שעה ( 12 ברויט-פענעצלעך, ביסקװיט און 2 פושקעס קאנסערװירטע פלײש,װאס די פעלד-מײז פלעגן אונז העלפן עסן..)._ אלץ האט מען באדארפט ברענ-גען אין ארדענונג און מעלדן די עלטסטע, אויב עפעס האט אויסגעפעלט אדער ניט געװען װי געהעריק._ ידי ברײט צו זײן װען ס'װעט רופן.

שווער איז אונדז געווען זיך צעשיידן מיט די טראנשייעס, וועלכע
די
מיר האבן אין לאנגע ווינטער־נעכט געגראבן און וואס אין די אומ־
רויִקע טעג מיר האבן שוין געפונען פון דעם שונא׳ס אנפאלן. נאענט
און איינגעבאקן אין הארצן זענען אונדז געווארן די ערטער, וואו מיר
האבן געליטן, וואו אונדזערע נאענטע און חברים זענען לעבעדיקער־
הייד באגראבן געווארן, ווי אויך די צלמים און איינגע בוימעלעך, מיט
וועלכע די פעלדער פון שאמפאן זענען פארזעט געווארן... מיר זענען
פארפלייצטע מיט בוראקעס
ווי צוגעוואקסן געווארן צו די שאמפאן־פעלדער, מיט וועלכע מיר פלעגן
פירן א הארטנעקיגן קאמף פאר א שטיקל פלאץ און זיך דערנאך איבער־
בעטן, ווען אונדז האט געפעלט עסן.. ס׳איז נים גרינג געווען זיך
צעשיידן אפילו מיט די מייז און אנדערע שרצים פון די ערד־גראבנס,
וואס פלעגן נים נאר אויפעסן אלץ וואס ס׳האט זיך ביי אונדז געפונען
אין די שפייז־טארבעס נאר אויך פון אונדז גופא געריסן שטיקער לע־
בעדיקערהייד. אלץ דאס איז אונדז געווען אזוי היימיש, אזוי צוגעפאסט
צו די אומשטענדן, אין וועלכע מיר האבן זיך געפונען, אז קיינער
האט זיך שוין מער נים געקאנט פארשטעלן אפילו, אז ס׳איז אמאל
אנדערש געווען, צי אז ס׳קאן אמאל נאך אנדערש ווערן!...

פארשיידענע קלאנגען וועגן דער פארשטייענדער שלאכט זענען
ארומגעגאנגען, אבער וואס, ווען און ווי — האט קיינער נים געוואוסט. ווען
ס׳האט פארטיילט נייע שיך, קליידער און אנדערע חפצים און די אלטע
גענומען אפגעבן, האט מען שוין פארשטאנען, אז מ׳גרייט זיך אין א
ווייטן וועג אריין.

אין די ערשטע טעג פון אפריל זענען געקומען פראנצויזי־
שע רעגולערע טרופן און פארנומען אונדזער סעקטאר. אנגעלאדן שווער
ווי די קעמלען, האבן מיר זיך געלאזט אין וועג אריין מיט די ליניעס
פון די טראנשייעס. אלע 5-6 קילאמעטער האט מען זיך געמוזט אפשטעלן

און שטאַטעטען, ווי די לאַסט-פערד אַרויף אַ באַרג; אַמאָל האָט מען אונז
בעת שטרוי איינגעדרימלט און מיט געוואַלד זיך אויפגעריסן פון פלאַץ
צום ווייטערן מאַרשרוט.

44

70613 .4/9/1914

טײערער פרײנט,

איך וויל דיר איצט שרייבן פון מיינע חברים-פרייוויליקע.–
איך בין פון זיי לחלוטין ניט צופרידן. אנשטאט צו גיין דעם קאמף אויפגעהויבן, די ברוסט ארויסגעשטעלט, קוקן יעדן גלייך אין די אויגן, ארויסווייזן זעלבסטווערט און שטאלץ דערמיט וואס מ'איז א פארטיידיקער,– טוען ס'רוב אידישע פרייוויליקע דעם היפך. זיי גייען ארום, ווי די אבלים. און וואס כ'האב שוין אנגעווענדעט קעגן דער דאזיקער שטעלונג האט ניט געהאלפן. אויך די מיליטערישע טעאריע און די פראקטישע איבונגען, מיט וואס די אונטער-אפיציערן שטאפן זיי בסדר, האט אויף זיי א קליינע ווירקונג: זיי בלייבן אלץ די זעלבע גולמ'ס.– ווער אין'אמת'ן האט זיי געצוואונגען צו גיין אין דער ארמיי? און וואס וואלטן זיי וועלן_? מ'זאל זיי פארזים באצאלן און מיט זיי זיך ארומטראגן, ווי מיט א שיינדלונג? ווי ווייניג אויסגעהאלטן זענען זיי! אנשטאט ארויסצווייזן שטאלץ און פריינטשאפט בנוגע די וואס האבן זיי גוט אויפגענומען ביי זיך אין לאנד,/ טראגן זיי א מאסקע, פארבלענדן יענע די אויגן, אז מ'זאל מיינען, אז זיי זענען פיינע מענטשן, מאכן דערווייל שאכער-מאכער-מסחרים און ווילן זיך אויסדרייען פון צו גיין אויפ'ן פראנט. ווי טרויעריק דאס איז! אבער וואס קאן מען דען פון ביליגע קרעמער מער און בעסער און פארלאנגען?

מיך מוטשעט דער געדאנק, טאמער וועט מען נישט האבן צו אונז קיין צוטרוי און אונז אויפ'ן פראנט ניט שיקן. דאס וואלט מיך שטארק באליידיקט: בין איך ניט אזוי שטארק, קלוג און שטאלץ צו קאנען שטרייטן פאר זיך און פאר אנדערע? דאס ערגסטע דערביי איז, וואס איך, „דער פעסימיסט” דארף שטארקן דעם אפטימיסט, „דער סקעפטיקער” דארף טרייסטן דעם גלויביקן.

45

פריער מיט א פּאָר טעג איז אָנגעקומען א אָרדער, אז מ'זאָל אונז
-פעלד
נענטער צום שלאכט שיקן . אין מיט'ן דער נאכט, ארום צוויי דעם זייגער,
האָט מען אונז אויפגעוועקט

70614

א סך פון אונזערע „העלדן" מאכן זיך קראנק; אייניקע ווינטשן זיך צו זיין קריפּלען, זיי וואלטן אוועקגעגעבן די הענט און די פיס, אבי צו זיין זיכער מיט'ן לעבן און ניט גיין אויפ'ן פראָנט. איך האָב איצט פארשטאנען, אז מענטשן זענען מסוגל זיך אָנטאָן א טויט אוים מורא פאר'ן טויט. און אפשר נעמען זיך די זעלבסטמאָרדן

פיל פון אונזערע „העלדן" מאכן זיך קראנק, כדי ניט צו גיין אויפ'ן פראָנט. אנדערע ווינטשן זיך צו ווערן קריפּלען, זיי וואלטן אפילו גרייט געווען אפּצוגעבן זייערע הענט און פיס און זיך אָנטאָן אליין א טויט, אבי ניט צו גיין אויפ'ן שלאכט-פעלד. איך האָב איצט פארשטאַנען, אז מענטשן זענען מסוגל זיך אָנטאָן אליין א טויט אוים מורא טאקע פאר'ן טויט. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז אויך ניט אזוי די מורא פאר'ן לעבן, ווי די מורא פאר'ן טויט.. אך! ווען ווען שוין די מענטשן פיערן דעם טאָג פון זייעם טויט, ווי דער „אויברמענטש" ביי ניטשע'ן וויל דאָס האָבן!..

ביי אונז איז איצט שוין פרילינג; די צייט פון בליהונג וועט אָבער ביי אונז ווערן א צייט פון שניט, פון בלוטיקן שניט. מ'גרייט זיך צום קאמף. די גענעראלן צייכענען שוין אָן דעם גורל פון גאנצע ארמייען און אין זייער שפּיל ווערט געשטעלט אין קאָן הונדערטער טויזענטער מענטש-לעכע לעבענס.

גריסט די קינדערלעך און דערציילט זיי ביבלישע מעשה'לעך וואָס זיי הערן מיט אזוי פיל נייגעריקייט.

# מיינע מעמוארען פון שלום שווארצבארד

(COPYRIGHT)

(נאכדרוק שטרענג פארבאטען)

70615

## דער טובה פון אידישע פרייוויליגע

(אויס „מיין טאג בוך אין דער תפיסה").

קארענסי, א שטעדטעל נעבען אראס, אין שאמפאן, וועט פארבלייבען מיט בלוט פארשריבען אין דער געשיכטע פון אידישע וואלאנטערען אין פראנקרייך.

דעם 9-טען מאי 1915 האט מען אונזער „פרעמדען לעגיאן" אהין געשיקט, וועלכער האט אטאקירט די גוט-פארבאריקאדירטע דייטשען. עס איז געווען אן איינפאכער בלוט-באד. אונזער לעגיאן איז צושמעטערט געווארען אויף שטיקלאך און טויזענדער אידען זענען דערביי שוידערליך אומגעקומען.

שוין מיט עטליכע טעג פריהער פאר דעם בלוטיגען ספעקטאקעל האט מען אונז געלאזט וויסען דורך א ספעציעלען באפעהל, אז ס'איז שוין א סוף מיט די טרענטשעס, שוין צייט אז מיר זאלען אנפאנגען צו פיהרען א פרייע פעלד-שלאכט, מיר זאלען זיך גורטען די לענדען און זיין גרייט צו טרייבען און טרייבען די דייטשען אזוי וויט, ביז זיי אליין וועלען שוין זאגען גענוג, מ'דארף ניט מעהר!...

און באלד האט מען זיך טאקע גענומען גרייטען און שפרייטען, קרעפטיגען און שטארקען טאג אויף טאג! די שטימונג איז וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר געווארען געשפאנטער, ערנסטער און... געדריקטער. די אפיצירען האבען אנגעהויבען אנצונעהמען נידעריגע, מילדערע און פריינדליכערע טענער צו די סאלדאטען; זיי האבען זיך אפטער געוויזען פאר אונז, גערעדט מיט אונז מעשה-חבר... אפילו די שטראפען זענען ווייכערע, מילדערע געוועזען. איינינגע האבען זיך זאגאר ערלויבט אונז צונויפנעמען אין לאגער און אונז דערצעהלען, לערנען אונז, ווי אזוי מיר זאלען זיך פיהרען אין צייט פון אטאקע, ווי אזוי מיר זאלען אויסנוצען אונזערע באנדאזשען אין פאל, ווען מיר וועלען פארוואונדעט ווערען און ווי אזוי מיר זאלען זיך נוהג זיין אין ערגסטען פאל, אויב מיר וועלען אריינפאלען אלס געפאנגענע (ווייל ס'זיינען ארומגעגאנגען קלאנגען, אז די דייטשען שיסען די געפאנגענע פרייוויליגע).

און וואס ווייטער א טאג איז פארביי, אלס מעהר איז די ניינגעריגקייט געשטיגען. פארשיעדענע קלאנגען, ווי אין די 40 טעג פאר'ן חורבן בית-המקדש, האבען זיך צווישען אונז געטראגען, כל'ערליי לעגענדען אין געשיכטעס — איינינגע גינסטיגע, אנדערע ניט-גינסטיגע, וועלכע האבען אנגעווארפען א פחד אויף אונז.

### קלאנגען.

אזוי, צום ביישפיעל, האבען מיר איינינגע באקאנטע דערצעהלט אז זיי האבען געהערט פון געוויסע מענשען, אז די דייטשען ווייסען שוין פריהער, דאס מיר ווילען זיי אטאקירען און זיי זיינען אויך גרייט אונז צו עמפפאנגען מיט אפענע ארעמס: זיי האבען אנגעגרייט א סך מיטראיעזען-קאנאנען-רעוואלווערען און פארשידענע באמבעס-גראנאדען און אויך אזעלכע ברענענדע, שטיקענדע, פארגיפטענדע גאזען, דאס איידער מיר וועלען נאך צוקומען צו זייערע דראטען אין טראנשעעס, וועלען מיר בלייבען אהן דפק. איינינגע האבען געזעהן פלוג-בלעטער וואס א דייטשער עראפלאן האט ארונטערגעלאזט אויף אונזער ליניע, וואו די דייטשען האבען אונז געווארענט דאס אין פאל ווען מיר וועלען זיי אטאקירען, וועלען מיר האבען א שווארצען סוף. אנדערע האבען געזעהן, ווי די דייטשען האבען ארויסגעשיקט פון זייערע טראנשעעס א הינטעל מיט א צעטעלע ארום האלז און א דייטשישע קויל און האבען געשריבען, אז אויב מיר רעכענען, דאס זיי ווייסען ניט, אז מיר גרייטען זיך זיי צו אטאקירען, זענען מיר אין'א טעות! אט האבען זיי שוין אפילו פאר אונז צוגעגרייט א סך קוילען אזעלכע וואס דאס הינטעל טראגט אויף דעם האלז. מיט זיי וועלען זיי אונז אויפנעהמען! אזעלכע און נאך אנדערע קלאנגען האבען זיך אומגעטראגען פון מויל צו אויער, פון געזעהן און געהערט, אזוי אז מ'האט ניט געקאנט וויסען, פון וועלכער קוועלע די לעגענדען זיינען גענומען געווארען. און וואס ווייטער זענען אלץ נייע און נייע געשיכטען אזעלכע שוידערליכע, מורא'דיגע, געבוירען געווארען! אט האט מען דערצעהלט, אז אן אפיציר פון דער ארטילעריע האט דעזערטירט צו די דייטשען און ס'איז גאר א סברא, אז ער איז געווען א שפיאן און וועט איבערגעבען דעם גאנצען פלאן די דייטשען; און אט האט אן אנדערער דעזערטירט, א באאבאכטער (אבסערוואטאר) און די שטימונג איז מעהר געדריקט געווארען.

נאר באלד איז די שטימונג פארשווינדען און אן אנדערע, א פרעהליכערע שטימונג האט פארנומען איהר פלאץ: א פרעהליכע נייעס איז אנגעקומען, פרישע קלאנגען, אז איטאליע וועט גלייך ערקלעהרען קריעג דייטשלאנד מיט עסטרייך, ווען מיר וועלען נאר אנהויבען צו אטאקירען, און דאן איז דער זיעג זיכער אויף אונזער זייט! דא האט אונז דערצעהלט אן אפיציר, אז דער גענעראל פון אונזער קארפוס האט געזאגט אז מיר וועלען האבען א גרויסען זיעג! ערשטענס, איז אונזער ארטילעריע פיעל שטארקער און בעסער פון דער פיינדליכער, צווייטענס, איז אונזער אינפאנטעריע א בעסערע, א געשיקטערע, און דערצו זענען מיר פיעל מעהר אין צאהל, ווי די דייטשען—עס טראגט אויס 4 פראנצויזען אויף איין דייטש, אזוי אז מיר וועלען זיי פארטרייבען, וואו דער שווארצער פעפער וואקסט! זעלכע און עהנליכע געשיכטען זענען דערצעהלט געווארען אין דעם לאגער די לעצטע צייט פאר דער אטאקע.

**פארטזעצונג מארגען אין די „צייט".**

שעלטען [illegible] 150 [illegible]-
טען, און זיי איז דא ניט ערלויבט צו
ארבייטען. עס זיינען אויך דא פיעלע
פרויען און קינדער, וועלכע קענען
זאגאר ניט דענקען פון ארבייטען, און
פאר זיי מוז דער שעלטער אודאי
זארגען און זיי אויסהאלטען. בלויז די
הילף וואס איז געלייסטעט געווארען
פאר די איטאלי עמיגראנטען האט
דערגרייכט צו א זעהר גרויסער סו-
מע.

חוץ דעם מוז מען אין שעלטער
אויך העלפען פיעלע וואס קומען
פאר יורידישער ראטה, און מען דארף
אויך פיעלע באזארגען מיט די נויטי-
גע רייזע הוצאות, אז זיי זאלען קענען
אהיימפאהרען. יעדע וואך זיינען דא
צו באהאנדלען פון 40 ביז 50 אזעל-
כע פעלע.

פיעלע פעלע זיינען זעהר שווער
און קאמפליצירט — ערקלערט ווי-
טער מר. אטא שיף — אבער עס מוז
געזאגט ווערען, אז דאס אינערן מי-
ניסטעריום מיט סיר ווילִיאם דזשאינ-
סאן היקס טהוען אלעס מעגליכע צו
פארלייכטערען די ארבייט פון שעל-
טער. די באאמטע פון דעם שעלטער
ווערען אין מיניסטעריום גוט אויפ-
גענומען. עס זיינען אויך ווערטה געע-
לויבט צו ווערען דער פוילישער קאנ-
סול, און דער ליטווישער קאנסול,
וועלכע באציהען זיך זעהר פריינד-
ליך צו די בקשות פון שעלטער. אויב
זיי באקומען נאר א שריפטליכע ער-
קלעהרונג פון שעלטער באציהען זיי
זיך גאר פריינדליך ביים ארויסגעבען
וויזעס און פאספארטען צו ארימע
עמיגראנטען. אויך דער רומענישער
און אנדערע קאנסולאטען באציהען
זיך גוט צו די בקשות פון שעלטער.

## עמיגראנטען זאלען ניט פאהרען אלס באזוכער קיין אמעריקא.

דער פרעזידענט האט אויך ער-
קלעהרט, אז זייט א געוויסער צייט
איז צווישען די עמיגראנטען געווארען

(שלוס אויף זייטע 2).

קומט איצט פאר א גרויסער קאנגרעס
פון מיסיאנערען, אויף וועלכען 51
לענדער זיינען פארטראטען. דאס איז
דער גרעסטער מיסיאנערסקער קאנ-
גרעס, וואס איז ווען עס איז אבגע-
האלטען געווארען.

## מר. סאלאמאן פלאש ז״ל.

מיט גרויס טרויער טהיילען מיר
מיט, אז אונזער ליעבער מאן און פא-
טער, **מר. סאלאמאן פלאש,**
דער אינוועסטיגיישאן אפיסער פון
אידישען שעלטער, איז שבת פלוצ-
לינג נפטר געווארען. די לויה געהט
אב היינט מאנטאג, אום 1.30 פון
דעם טרויער הויז, 31 ניונהאם
סטריט, גודמאנספיעלד, איסט, נאך
מארלאו רויד בית עולם. פריינד און
באקאנטע זיינען געבעטען צו קומען
אבגעבען דעם לעצטען כבוד המת.

די אין טרויער אונטערבליבענע
פרוי און קינדער.

די קאנטרא רעוואלוציאנערע עלע-
מענטען. איבערהויפט וואקסט דער
אנטיסעמיטיזם צווישען די סטודענ-
טען. די צייטונג ברענגט א פאל, ווי א
אידישער סטודענט איז אזוי פאר-
פאלגט געווארען, אז זיין געזונד איז
צושטערט געווארען און דער דאקטאר
האט איהם געהייסען אונבאדינגט
פארלאזען דעם אינסטיטוט וואו ער
האט געלערענט.

דער עקזעקוטיוו פון סטודענטען-
פארבאנד האט אויסגעפארשט די לא-
גע און האט ארויסגעלאזט אן אפיעל
צו אלע סטודענטען, אז זיי זאלען
באקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם.

## אידישע קאנפערענץ פאר-באטען איןווארשא.

ווארשא (י.ט.א.)— די מאכט האט
פארבאטען די קאנפערענץ פון די
אידישע וואהל קאמיטעטען, וועלכע
האבען געשטיצט דעם בלאק פון די
נאציאנאלע מינדערהייטען. דורך

## צו דר. ווייצמאן׳ס אנקומען קיין אמעריקא.

ניו יארק (י.ט.א.)—

די אדמיניסטראטיווע קאמיטע פון
דער אמעריקאנער ציוניסטישער
ארגאניזאציע האט באשלאסען צו
עהרען דאס אנקומען פון דר. ווייצ-
מאן קיין אמעריקא דערמיט וואס
ער וועט קייבלען 100 טויזענד דא-
לאר צו דעם ציוניסטישען עקזעקו-

## מזל טוב.

מיר באגריסען אונזער ליעבען
פריינד און גייסטיגען ערציהער מר.
און מרס. ד. טשעכענאווער פון
74 קאלוועסטאן קרעסענט צו דער
פארלאבונג פון זייער ליעבען זוהן
שלמה.

מר. און מרס. נתן גוטטער,
381 קייבעל סטריט, א.1.

מר. און מרס. נ. קעוו,
31 מארסבי רויד, אפער פלעקטאן.


# שוין איין מאל אן הגדה !

## דער חכם פון דער וויטשעפלער מה נשתנה

מיט נאך זעהר פיעלע גאר אינטערעסאנטע פסח׳דיגע לעזע שטאף ווענט זיך געפינען אין

# פסח „צייט" זשורנאל

וואס ערשיינט די טעג

דער פסח צייט זשורנאל איז גוט באקאנט צו די לעזער, ער דארף ניט קיין רעקאמאנדאציעס. ער ברענגט
אריין אין יעדע אידישע הויז א עונג יום טוב. ער גיט א מעגליכקייט צו פיהלען ריכטיג דעם טעם פון פסח
און אויך צו פארשטעהן די וויכטיגקייט פון דעם גרויסען פריהלינגס און באפרייאונגס יום טוב.

### דער פסח צייט זשורנאל פון דעם יאהר שטייגט אריבער אלע פריהעריגע פסח זשורנאלען. ערווארטעט איינצעלהייטען !

אזוי ווי אויף דער הומאריסטישער וויטשעפעלער און אלגעמיינער הגדה וואס ערשיינט אין "פסח צייט
זשורנאל" וועט זיין א גרויסע נאכפראגע, ראטהען מיר אייך תיכף צו באשטעלען א קאפיע ביי אייער
צייטונגס פארקויפער, כדי איהר זאלט ניט בלייבען אהן דעם גרויסען פארגעניגען אויף יום טוב.

# מיינע מעמוארען פון שלום שווארצבארד

(COPYRIGHT)

(נאכדרוק שטרענג פארבאטען)

70616

## הכנות צו שלאכטע

(אויס „מיין טאג בוך אין דער תפיסה").

דערווייל האט מען צוגעגרייט שפּיטאלען פון ברעטער, לאנגע, גרויסע לאגער-שפּיטאלען מיט פעלדבעטלעך אין די טויזענדער; רעצעפּטען, באנדאזשען, יאד א.ד.ג.

אויך אונז האט מען געגעבן מאסקעס וועלכע מיט נאסע באנדאזשען אנצוטאן אויף די געזיכטער, צו פארשטעלן דאס מויל און די נאז אין פאל, ווען די דייטשען וועלען אויף אונז שיסען מיט גיפטיגע גאזען. אויסער דעם, האט זיך יעדער אנגעגרייט וואסער מיט מענט-טראפּען אויף זיך צו קוויקען אין דער צייט ווען מ'וועט זיין פארוואונדעט.

דערווייל איז מען ארומגעגאנגען אויף דעם עולם-התהו. די אלע פארבארייטונגען האבען זיך געלעגט ווי א שווערע משא אויף די הערצער, יעדער איינער איז ארומגעגאנגען אין זיין באזונדער וועלט, פארטראכט, פארזארגט—דער וועגען זיין פאמיליע, זיינע פריינד, דער וועגען חשבון-הנפש און אנדערע האבען זיך גלאט געשראקען פאר דעם אונפארמיידליכען. איינעגע האבען געגעבן זייערע אדרעסען צו די "בראקאנדיע" — די טרעגער פון קראנקע און טויטע—אז איינפאלס מיט זיי וועט וואס געשעהן, זאלען זיי געבען צו וויסען זייערע פאמיליעס, באקאנטע א.א.וו. און מען האט זיך אנגעפאנגען צו צוגרייטען צום טויט.

דערווייל זענען אלץ נייע פרישע "טעלעגראמען" געקומען, דאס ניט מיט אונז וועט מען מאכען די אטאקע, נאר פראנצויזישע רעגימענטען וועלען ספּעציעל געבראכט ווערען צו אטאקירען און ווי קאן מען זיך עפּעס פארלאזען אויף אונז פרייוויליגע טויגעניכטסען, אז מיר זאלען גאר אטאקירען? — דערצו דארף מען גוטע דיסציפּלינירטע סאלדאטען וואס האבען פאר גארניט קיין מורא, וואס רייסען זיך אין פייער ווי צו א טאנץ... און אט איז געקומען א פּאסט, אז נאך דעם, ווי ס'איז אנטלאפען אן אפיציר און ער וועט איבערגעבן די דייטשען וואס מיר ווילען טאן, וועט די אטאקע אין גאנצען ניט פארקומען. נאר די רעגעלמעסיגע איילעניישען און גרייטעכצען האבען מעהר דערצעהלט פון א פעסטען באשלוס, ווי די אלע זאגעכצען און קלאנגען.

### דער טויטען טאנץ.

יעדען פארנאכט, ביים זונען-אונטערגאנג, פלעגען זיך פארזאמלען קליינע גרופּען סאלדאטען אויף די פרייע פעלדער פון אונטער די לאגערס און פלעגען אויסגיסען זייערע הערצער אין הייליגע שטילע תפלות, טרויעריגע געזאנגען און ס'פלעגט זיך צוזאמענמישען דאס געזאנג פון די פארביטערטע, באטריבטע מענשליכע הערצער מיט די הייליגע געזאנגען פון די פייגעל. און ס'האט זיך אויסגעדראכט, אז זיי האבען זיך צוזאמענגערעדט אבצוגעבען זייערע לעצטע ליבע געזאנגען דער זון, וואס זיי זעהען פילייכט דאס לעצטע מאל דעם הימעל, וואס האט זיך געבאדען אין פרעכטיגע פארבען, דער ערד, דער גאנצער וועלט וואס איז אזוי שעהן, פול מיט לעבען און גלאנץ! און לאנג און ווייט פלעגט זיך דאס געזאנג ציהען און גאר פון ווייט פלעגען אבקלינגען די בת-קול'ן און זיך אויסמישען מיט'ן געזאנג.

די גאנצע נאטור האט מיטגעזונגען — די גראזען, די וועלדער וואס האבען אין זיך טיעפע סודות געטראגען, די בערג וואס האבען פון ווייט איבערגעקוקט צוזאמען מיט די וואסערען, אין וועלכע די זונן פלעגט זיך אזוי צויבערהאפט אבשפּיגלען. און אין דער דעמערונג פלעגען זיך בלאסע געהיימניספולע שאטענס אומדרעהען, בלייכע, אומרוהיגע נשמות פלעגען ציטערענדיג אין דער לופטען שוועבען און וועגען שרעקליכע גאכריכטען דערצעהלען, נאר דער רוים און די אייביגקייט האבען דעם סוד פארזיגעלט אונטער די בערג פון לעגענדען.

דאס אלעס האט יעדער פון אונז געפיהלט אין די לעצטע פארנאכטליכע געזאנגען, יעדער האט זיין לעצטען שטארקען וואונש אויסגעדריקט אין געזאנג: יעדער האט געפיהלט אז אט ווערט ער אוועקגעריסען פון דער גרויסער, פרייער, ליכטיגער וועלט און אפשר דאס לעצטע מאל איז עס וואס ער זינגט צוזאמען מיט איהרע מענשען — און דערפאר איז דאס געזאנג וואס אמאל געווארען שטארקער, שארפער, זיסער און פלייסענדער. אין יעדער ליעד איז געלעגען אזוי פיעל געפיהל, אזוי פיעל גלויבען, האפנונג און ליעבע, אז מען האט גארניט געוואלט איבעררייסען, נאר יעדעס מאל האט זיך געהערט נייע, פרישע ליעדער, וואס האבען ארויסגערופען נייע געדאנקען, פרישע גלויבענס, נייע טרוימען — און צוזאמען מיט די געזאנגען האבען זיך געפלאכטען טענץ. אלע פיס האבען זיך געהויבען איבער די גראזען, וואס ווייטער איז דער טאנץ געווארען שטארקער, ראשע, העכער, און די שטימונג איז אזוי ווייט געגאנגען, אז אויף א אויגענבליק האט מען זיך אלע פארגעסען, וואו מען געפינט זיך. מען האט ניט געהערט דאס קנאלען פון די קאנאנען, וואס האט אהן אויפהער געדונערט און אויך ניט געזעהן די בעטלאך, וואס מ'האט פאר אונז אנגעגרייט אין די טיעפע גריבער, די אפענע קברים וואס זיינען שוין פארטיג געשטאנען אונז איינצושלינגען. מ'האט אלעס פארגעסען, מ'האט ניט געדענקט וועגען די טהייערע נאהענטע וואס וועלען פילייכט ניט אויפהערען אונז צו באקלאגען, מ'האט זיך אליין אויך פארגעסען, און פון יעדער פארוועהטאגטער ביטער הארץ און פון יעדער ליידענדער ברוסט האבען זיך זיסע טרויעריגע קלאנגען געהערט, ציטענווייז אויסמישענדיג זיך מיט א טיעפען זיפץ, און די פרעהליכקייט און לעבעדיגקייט איז אלץ שטארקער געווארען, דער געזאנג אלץ העכער און פרישער געווארען, דער טאנץ שטארקער און העפטיגער — — יעדענס בליק איז געווען געציעלט אין דער אונענדליכער ווייטקייט און ביי דעם ברעג פון האריזאנט האט יעדער געזעהן זיינע טרוימען פארווירקליכט ווערען. און דער טאנץ און געזאנג איז ווייטער אנגעגאנגען — דאס איז געווען א טויטען-טאנץ; יעדער האט דעם טויט געזעהן אונטער דעם אנדערנס רוקען שטעהן און לאכען.

דעם לעצטען פארנאכט, שבת-צו-נאכטס, דעם 8-טען אויף דעם 9-טען מאי, האבען מיר זיך פארזאמעלט צום לעצטען מאל, און אונזער שטימונג האט שוין קיין גרענעץ ניט געהאט. מ'האט געזונגען און געטאנצט מעהר ווי אלע מאל. די שטימונג איז געווען א שפּאנענדע, א געדריקטע. צולעצט איז פארגעקומען ריהרענדע סצענעס: פריינד מיט פריינד האבען זיך געזעגענט, געדריקט, געקושט און שטילע, אהן ווערטער, זיך פארלאזט מיט טרעהרען אין די אויגען.

די נאכט האט איהר פינסטערען שלייער שוין פארצויגען אויף דער ערד, און מיר זענען נאך אלץ געשטאנען צוזאמען: יעדער האט געפיהלט, אז ס'איז צום לעצטען מאל, צום לעצטען מאל וואס מ'זעהט זיך נאך צוזאמען — און דערפאר איז געווען אזוי שווער זיך צושיידען. דעם "אפעל" האבען מיר שוין לאנג פארשפּעטיגט, נאר ווער האט דאן אין זינען געהאט דעם אפּעל, אז מ'געהט שטארבען? פאר דעם טויט פארגיט מען נאך גרעסערע פארברעכען.

צולעצט האבען מיר זיך נאך געזונגען א געזעגנונגס-מארש און יעדער איינער איז געגאנגען אין זיין פאלאטקע שלאפען.

(א ווייטערער קאפּיטעל פון שווארצבארד'ס מעמוארען דאנערשטאג אין די "צייט".

[illegible] לער, האלטען די אונטערשטע טהייל פון הויז.

מר. אלעקסאנדער הירשפעלד, וועלכער איז דער איינענטהימער פון דער פירמע, האט ערקלעהרט צו א צייטונגס פארשטעהער, אז די רויבער האבען דורכגעשניטען א סאלידע אייזן אינטיש שטאלענע טיר פון דער קאסע, ווי עס וואלט געווען א שטיקעל קעז.

אײדער ער איז אוועק איז אלץ געווען פארשפארט אין קאסע, און די רויבער האבען גראדע געעפענט די טהייל וואו עס האבען זיך געפונען די טהייערסטע דיאמאנטען און דזשו-לערי.

ווען די רויבער האבען געענדיגט זייער ארבייט, האבען זיי צוגעשלא-סען די טיר, און אזוי ווי דער מעטאל איז געווען הייס, קען מען די טיר ניט עפענען.

דערווייל קען מען נאך ניט פעסט-שטעלען וואס מען האט אוועקגע-רויבט, נאר זיי האבען אוועקגענומען עטליכע הונדערט דיאמאנטען און סאפירען און דיאמאנטענע רינגען, עטליכע דוצען פלאטינום און דיא-מאנטענע זיינגערלאך, פאקעטען לויזע דיאמאנטען, סאפירען און עמארעל-דען, און אנדערע זאכען אין דער ווערטה פון איבער 7 טויזענד פונט.

## ...אט געשטארבען

הענלי פארקומען אן ערזאץ-וואהל. ביי די לעצטע אלגעמיינע וואהלען זיינען געשטאנען צוויי קאנדידאטען, אן ארבייטער און א קאנסערוואטאר, און דער ארבייטער האט געזיגט מיט א מאיאריטעט פון 1554 שטי-מען. מען ערווארטעט, אז איצט ווע-לען די ליבעראלען אויך ארויס-שטעלען א קאנדידאט און עס וועט זיין א דרייעקיגער וואהל קאמפף.

# שוידערליכע פרטים
## פון פאגראמען אויף אידען

### דערצעהלט ביי דעם פראצעס פון דעם פאגראם פיה-רער מעדינסקי.

די "צייט" האט שוין טעלעגראפיש געמעלדעט, אז אין טולטשין איז פאר'משפט געווארען צום טויט דער פאגראם-אנפיהרער מעדינסקי, איי-נער פון פעטלורא'ס געהילפען, בעת דער אטאמאן האט געהאט די מאכט אין אוקראינא. ביי דעם פראצעס, וואס איז פארגעקומען געגען דעם דאזיגען מעדינסקי האבען עדות אי-בערגעגעבען שרעקליכע פרטים פון די פאגראמען וואס ער האט געמאכט אין האסין, טעפליק, קובליטש, און אנדערע שטעדט און שטעדטלאך. עס איז דערצעהלט געווארען, אז דער פאגראמשטשיק מעדינסקי איז זיך באגאנגען מיט זיינע קרבנות מיט א באזונדערען אכזריות'דיגען סאדיזם: ער האט זיי געהייסען זיך אליין קברים אויסגראבען, איידער ער האט זיי דערשאסען.

עדות האבען דערצעהלט, אז בעת דעם פאגראם אין טעפליק האט מע-דינסקי רייטענדיג אויף זיין פערד דערזעהן, ווי זיינע קאזאקען פיהרען 4 אידישע מיידלאך צו דער שחיטה. ער איז צוגעלאפען צו זיי און 2 מייד-לאך האט ער גלייך אויפ'ן ארט מיט זיין שווערד דעם קאפ אבגעהאקט, א דריטע האט ער געהייסען מיט'ן צונג לעקען די פארבלוטיגטע שווערד, און די פערטע געהייסען פארגוואלדיגען.

מעדינסקי האט זיך א לאנגע צייט אויסבאהאלטען און אונטער א פאל-שען נאמען פארנומען פארשידענע שטעלעס אין פאסט און טעלעגראף פון דער סאוויעטען מאכט.

מען האט איהם אבער דערקענט און דער טולטשינער קרייז-געריכט האט איהם פאר'משפט צו דער העכ-סטער שטראף — צום דערשיסען. דאס העכסטע געריכט האט בא-טראכט מעדינסקי'ס קאסאציע און האט דעם אורטהייל באשטעטיגט.

[illegible] די קלאגע פון ניט אנגעבען א ריכטיגע רעכנונג פון זיינע וועכענטליכע טראנסאק-ציעס.

פון זיין טהאט, איז איבערגעגעבען געווארען, האבען די שטייערען בא-אמטע פארלוירען 508 פונט. דער סאליסיטאר פאר די שטייערען קא-מישיאנערס האט ערקלעהרט אז ער האט דאס רעכט צו פאדערען אוועק-צונעהמען פון טים דעם בוקמיי-קערס סערטיפיקייט.

דער מאגיסטראט האט געזאגט, אז מען זאל דעם סערטיפיקייט ניט אוועקנעהמען, נאר סעמיול טימס וועט מוזען צאהלען א שטראף פון 600 פונט און צו 10 גינעס קאסטען אויף 10 סאמאנסעס.

— מיין זוהן, מארים רייזלער, וועלכער איז פארמשפט געווארען דעם 19-טען מערץ, 1923 אין מארד צווייטען גראד אויף זיין סטייטמענט אז ער האט געטויטעט מיין שוועס-טער (זיין מוהמע) בערטהא קאץ — איז אומשולדיג.

— ער האט זיך ערקלעהרט שול-דיג בלויז דערפאר ווייל ער האט גע-וואלט רעטען מיר, זיין מוטער, פון צאהלען דעם שטראף פאר דעם פאר-ברעכען. איך האב אבער די גאנצע צייט געהאלטען אין דערצעהלען דעם אמת. איך האב געזאגט אז איך האב דערשאסען מיין שוועסטער דערפאר וואס זי האט צושטערט מיין היים און מיין גליקליך פאמיליען לעבען און ערנידעריגט מיינע קינדער.

# היינט ערשיינט שוין

דעה ווילקאמענער גאסט וואס ברייגנט א באזונדערן יום טוב אויף פסח אין די אידישע הייזער. דער

# פסח „צייט" זשורנאל

דאס איז א ליטעראַרישער אוצר מיט פיעלער גלענצענדע ערצעהלונגען, ארטיקלען און לידער ספעציעל פאר פסח. באזונדערס אינטערעסאנט זיינען:

פסח מאטיוו פון א. צ. ראמאנאווסקי. א הומארעסקע לכבוד פסח פון שלום אש.
ערא‏ינערונגען פון א סדר נאכט אין געפענגניש פון ראובן ברייני.
א באלאדע פון עלילת דם פון בן-א. סאכאטשעווסקי.
די ראלע און אויפגאבע פון דער אידישער פרוי אין פסח.

און פיעלעס אנדערעס, וואס וועט אייך פארשאפען פארגעניגען און באלייכטען די פארשידענע זייטען פון דעם פריהלינגס און באפרייאונגס יום טוב פסח.

# שוין איין מאל א הגדה!

דער חכם פון דער וויטשעפעלער מה נשתנה מיט די איבעריגע ארבע(ה) (ר)בנים, און פיעלע פעטע הומאריסטישע קניידלאך ערשיינען אויך אין "פסח צייט זשורנאל".

פארליהרט ניט די געלעגענהייט אייך איינצושאפען דעם ענוג יום טוב; אויף דעם "פסח צייט זשורנאל" וועט זיכער זיין א גרויסע נאכפראגע. ווייט ניט שפעט. קויפט א קאפיע וואס פריהער. פרייז בלויז 2 פענס.

49 VIII 70618

נאָך דער פּײַנלעכער היץ און אומפּאַרטרעגלעכער לופט פון פול־ ווער, דינאַמיט, אויפרייסנדע שטאָפן און שטינקענדיקע גאַזן, מעכטיקע אויפ־ טרייסלנדיקע דונערן פון האַרמאַטן און גרילצדיקן זשומען פון אַלערליי מינים קוילן, אין וועלכע מ'איז אויסגעקומען צו מאַכן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, — אין משך פון לאַנגן שווערן טאָג איז אָנגעקומען א שטיל־שטילע, שטאָק־פינצטערע און שרעקנדיקע נאַכט. יעדער וואָס איז אַנטרונען געוואָרן פון דעם טאָגעדיקן גיהנום, וואָס איז־בדרך־נס ניצל געוואָרן פון די קאַנאָנען־ און ביקסן־קוילן, און א גאַנצער געבליבן אין פעלד ~~ער~~ אויסגעמיטן געוואָרן פון די שראַפּנעלן און איבעריקע משחיתים, — האָט זיך גענומען אין דער פינצטערניש צו קריכן איבערן שלאַכט־פעלד, האָ־ פענדיק זיך דערשלאָגן און צוקומען צו לעבעדיקע מענטשן.

/האָב איך שאַר זיך אַזוי פּאַמעלעך און קריך אויפן בויך, ווי א שלאַנג, מיט דעם וועג ווי א בלינדער, אויסשפּיענדיק די אויערן ווי א האָז יעדע רגע זיך אָפּשטעלנדיק: צי גייט ניט ווער מיט א שפּיז פון אונטן מיר דעם רוקן דורכלעכערן, צי קריכט ניט ווער מיט א מעסער־וועג אַנטקעגן מיר דעם גורגל איבערשנײַדן. ביי דעם געדאַנק באַדעקט מיך יעדע רגע א קאַלטער אַנגסטלעכער שווייס און א ציטער לויפט דורך מיין לייב. וואָס טוט מען? — בלייבן ליגן אויפן פעלד? די גרויזאַמע שטילקייט וואָס הערשט צווישן די טויטע, וועלכע ווערט פון צייט צו צייט געשטערט פון יאָמערלעכע קלאָגן און קרעכצן פון גאָר־לעבעדיקע פאַרוואונדעטע, איז נאָך מוראדיקער און ערגער פון'ם טויט אַליין. די נאַכט און אַז איך וועל שוין אויסליגן צווישן די [illegible] טויטע און פאַרוואונדעטע, וואָס וועט זיין אין דער פרי? ווי אַזוי וועל איך מיך קאָנען ראַטן, ווען דער טאָג וועט קומען? וועל איך דען ניט זיין דער ציל־פּונקט פון דער ערשטער בעסטער קויל, וואָס וועט קומען פון דער אָדער יענער זייט? — איז שוין גלייכער אַזוי צו קריכן, ווי א בלינדער וואָרעם, ווי דער אינסטינקט וועט פירן, און זאָל געשען וואָס וועט געשען...

50

70619

— ביסט פֿאַרוווּנדעט? — פֿרעג איך שטיל אַ שטיק מאַטע וואָס איך
האָב אין דער פֿינצטער אָנגעטאַפּט.

— ניין! — ענטפֿערט ער מיר נאָך שטילער.

— פֿון וואָסער רעגימענט און באַטאַליאָן ביסטו? — פֿרעג איך אים
סתם אין דער וועלט אַרײַן.

— דריטער רעגימענט, באַטאַליאָן „ד“ — ענטפֿערט ער צווישן די צײן.
איך טאַפּ ווײַטער און דערפֿיל אַ האַרטן קעגנשטאַנד.

— אַ מענטש צי אַ טײַפֿל — פֿרעג איך שוין אַביסל דרייסטער.

— אַ מיטראַליעז (אַ קוילנוואַרפֿער) — ענטפֿערט מיר דער זעלבער.

— ווי קומט צו דיר אַ קוילנוואַרפֿער?!

— דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע צו דערציילן.

די אומדערוואַרטענע באַגעגעניש מיט אַ לעבעדיקן מענטשן אין אַ
מאָמענט פֿון מוראדיקן שרעק און פֿינצטערניש האָט ווי מיט אַמאָל אָפּ-
גענומען אַ שווערע משא פֿון האַרצן און צוגעגעבן אַביסל מוט און האָפֿ-
נונג זיך טרעפֿן צווישן אייגענע..

ניט וואַרטנדיק, אַז איך זאָל אים בעטן, האָט דער פֿעלד-חבר שטיל,
לאַנגזאַם און אין אַ רויִקן טאָן אָנגעהויבן דערציילן:

— דאָס פֿעלד איז געוואָרן אָנגערייניקט פֿון די שטעבעקע דראָטן
וואָס האָבן זיך געפֿונען אַרום אונזערע און די דייטשע ערשטע ליניעס.
אין דער זייט פֿון אונזער לינקן פֿליגל איז געשטאַנען דער באַטאַליאָן
„צ“. צו מיין איבערראַשונג, זע איך פּלוצלונג ווי דער דאָזיקער באַטאַ-
ליאָן רוקט זיך אַרויס פֿון זיינע גראָבנס און לאָזט זיך גיין קאָלאָנעג-
ווייז, מיט אַ געווייטן אינטערוואַל, גלייך אויף די דייטשן. דער „קלעראָן“
און די פּויקן רופֿן צו דער אַטאַקע, די שטימן זענען אויפֿגעפֿלאַנצט
אויף די ביקסן און פֿינקלען און שפּיגלען זיך אויף דער זון. דאָ האָבן

די דײַטשע שראַפּנעלן זיך גענומען אויפרײַסן אײנער נאָכ׳ן אנדער׳ן, האָבן פאַרטונקעלט די זון און פאַנגעמאַכט חורבנות אין די רײען פון די טאַר-שירענדעצע קלאַנען מיט דעם אויפגעפּלאַצטן געווער. דערנאָך האָט די דײַטשע אַרטילעריע, סײַ די שווערע סײַ די לײַכטע, גענומען מיט א קורצן ציל צו שיסן גלײַך אויף די רײען צעשפּרײטע .. איך האָב מיך גלײַך פאַרלוירן אין דעם טומל און גענומען זיך דראַפּן און אַרויסקריכן פון דער טראַנשײע, גאַנץ אינסטינקטיוו, ווי דאָס טוען די געלערנטע קאַוואַלעריע-פערד, ~~אַלץ~~ ווען מ׳פײַפט מיט׳ן טרומײט צו גיין פאָרויס..

איך בין שוין געווען דרײַ-פערטל אויס׳ן טאַראַפּעט פון דער טראַנשײע, ווען עמיצער טוט מיך א ציִ פאַר א פוס צוריק. איך קוק זיך אום: מײַנער א חבר פונעם עסקוואַר שטײט אונטן און שלעפּט מיך מיט אַלע כוחות צוריק אין דער טראַנשײע אַראָפּ.

— וואוהין לויפסטו, משוגענער?! — האָט ער אײן אײַן שרײַען אויף מיר — מען וועט דיך דאָך דערשיסן! איז דיר שוין אַזוי ניטאָ און צוגעגעסן געוואָרן דאָס לעבן, וואָס דו רײַסט זיך אַזוי צום טויט?

— איז דען ניט אַלץ אײנס — ענטפער איך אים. — איצטער צי שפּעטער? די קויל וועט מיך שוין אויסגעפינען, ווו איך זאָל ניט זײַן.

— אָבער וואַרט א מינוט — לאָזט ער מיך ניט אָפּ — דאָס פײַער איז דאָך אומגעהײַער! די מאַשינען-געווער און ביקסן שיסן נידעריק און קורץ און שנײַדן גלאַט ווי די טערבן — די זאַנגען, זעסט דען ניט?!.. אין דעמזעלבן מאָמענט לאָזט ער מיך אָפּ און גיט פון זיך אַרויס א סטוגנה׳דיקן קרעכץ. איך גיב א קוק: ער ליגט שוין אָפּגעשפּאַרט אויף דער וואַנט פון טראַנשײע און דאָס בלוט רינט אויף זײַן מאַנטל... א קויל האָט אים דורכגעלעכערט דעם קאָפּ דורך און דורך. דאָס בילד האָט מיר באַשטעטיקט מײַן אַרגומענט, און איך בין פלינק אַרויסגעשפּרונגען אויף דער טראַנשײע און זיך געלאָזט לויפן פאָרויס...

דער וועג איז געווען זער א שלעכטער. אויף יעדען שפּאַן

4) 52

70621

א טיפער גריב פון א קאנאנען-קויל, אויף יעדער טריט_ א געפאלענער סאלדאט, דערביי האבן זיך נאך געפלאנטערט פאר די פים שטיקער שטעכ_קע דראט, וואס האבן זיך געוואלגערט איבער'ן גאנצן פעלד. קעגניבער, ביי א קליין בערגל, ליגן עטלעכע סאלדאטן אויסגעלעגט אין זייער גאנצער לענג, אביסל צעווארפן, און צילן זיך אין דער ריכטונג, ווו איך גיי. איך בלייב שטיין אין גרויס פארלעגנקייט: זאל איך זיך ווייטער לאזן גיין_קאנען זיי אויף מיר אויספייערן, כאטש איך זע דייטלעך, אז דאס זענען אונזערע סאלדאטן מיט די ווייסע פירעקעכיקע שטיקלעך צוגענייטע לייוונט אויף די רוקן(דאס איז געמאכט געווארן פאר א סימן, אז אונ_זער ארטילעריע זאל אויף זיי ניט שיסן), און זיי דארפן מיך אויך דערקענען. אבער וואס קאן באטייטן זייער ליגן אין א פארקערטער פאזיציע_ טראכט איך מיר. באלד מאכט מיר איינער פון זיי א צייכן, אז איך זאל זיך אנידערלעגן. ווען איך בין שוין געליגן אויף דער ערד אויסגעצויגן, האב איך ערשט דערזען ניט ווייט פון מיר א דייטשע טראנשעי, פון וועלכער ס'האבן ארויסגעקוקט מיילער פון א פאר געווער-מאשינען, ווי שרעקלעכע אויגן פון א נאכט-פויגל, געצילט אויף מיר. אין דעם מאמענט, ווען ס'עפנט זיך אונטער מיר א גריב, וואלט איך מיט דער גרעסטער פרייד אין אים אריין, ניט קוקנדיק אויף זיין טפרונט, אבי ניט צו זיין דער ציל-פונקט פון די שרעקלעכע מיילער. איך האב מיך גענומען טארפלן און גראבן די ערד, ווי א ערד-מויז, און געזוכט וואס גיכער פארשווינדן צו ווערן פונם געפאר וואס דראט מיר. ארום מיר פאלן מענטשן, וואס זענען אונ_טערגעקומען אונטער'ן פייער פון די מיילער אנטקעגן: איינקע זענען גלייך געבליבן טויט אויפ'ן ארט, ארויסלאזנדיק א מאדנעם געשריי, אנדערע זע_נען פארוואונדעט געווארן און יאמרן מיט באנעמענע קולות, אנדערע ווידער קאנען שוין ניט שרייען און כארכלען ווי די געשאכטענע בהמות וואס גייען אפ מיט'ן לעצטן בלוט. פלוצלונג איז דורכגעפלויגן פאר מיינע אויערן

5) 53 70622

א סווישטשענדעקע קויל, דערנאָך א צווייטע און א דריטע. איין קויל האָט אפילו דורכגעלעכערט מיין אייזערנעם קאסקעט; דער קלאפּ איז געווען אזוי שטארק, אז כ'האָב געמיינט ניט אנדערש, ווי דער קאָפּ מיינער ווערט מיר צעשפּרינגען אויף שטיקלעך. דאן איז מיר איינגעפאלן א געדאנק: כ'האָב געטאַפּט א טויטן קערפּער וואָס איז געלעגן נעבן מיר און אים צוגעשלעפּט אויף דעם ביסל ערד וואָס האָט מיך פארשטעלט. ווען איך האָב אים גענומען דרייען אויף אלע זייטן און ריידן, האָט ער ארויס-געלאָזט פון זיך פארשטיקטע קלאנגען, ווי די בויך-ריידנער. איך האָב אים באלד אָפּגעלאָזט, ווען זיך צוגעשאַרט צו א צווייטן קערפּער, וועלכן כ'האָב פארשלעפּט אויף מיין אָרט; דערנאָך האָב איך צוגעשלעפּט א דריטן קערפּער, און אזוי ארום איז מיר געלונגען זיך צו פארבאריקאדירן און שיצן פון די קוילן. — ווי לאנג איך בין אזוי געלעגן ארומגעשטעלט מיט די טויטע, ווייס איך ניט, ווייל אין אזא לאגע פארלירט זיך יעדער באגריף פון צייט. איך ווייס גאָר איין זאך: די גאנצע צייט האָב איך ארויסגעקוקט פון מיין פּאָזיציע דורך א שפּאלט מיט א באזונדער פארעקשנטער אָנשטרענגונג, צי פירוקט זיך ניט פון ערגעץ אויף מיר א געפאַר. פּלוצלונג דערזע איך ניט ווייט פון מיר א געשטאַלט פון א מענטשן; איך קוק זיך איין אין דעם געזיכט: איך קאָן שווערן, אז דאָס איז מיין פאָטער — דאָס רונדע בערדל, די גרויסע אויגן, דער בולש'ער שטערן מיט די געקרייזלטע האָר אויבן קאָפּ, די נויך זינע. איז דאָס מעגלעך?! — מיט מיר א בליץ א געדאנק אין מיין מוח. איך רייב מיר אויס די אויגן-מיין פאָטער! מיין פאָטער! ווי קומט ער גאָר אהער אין אזא מאָמענט און אין אזא געפאַר?! ניין! ס'איז אוממעגלעך! מיין פאָטער אין א טונקל-גראָער אוניפאָרם פון א סאלדאַט? דאָס געשטאַלט שטרעקט אויס די הענט אין דער לופט און נעמט זיך שרייען מיט א יאָמערדיקער שטימע: „חברים, חברים! שיסט ניט! א פאָטער פון 4 קינדער! א פאָטער פון 4 קינדער!" — דערביי ווייזט ער אויף זיינע פיר צעשפּרייטע פינגער און פארבויגט די פיס.

6) 54 70623

א פאטער פון 4 קינדער-שיסט ניט!.. פלוצלונג טוט ער זיך א וואקל, א דריי און פאלט אויף צוריק מיט א ווילדן קרעכץ — און שא, שטיל..

מער פארבלייבן אויף מיין ארט האב איך שוין ניט געקאנט. כ'האב געמיינט, אז ווער משוגע; אין קאפ האט מיר שרעקלעך געקלאפט. איך האב זיך מיט אמאל א ווילדן רוס געטאן פון דער ערד און זיך געלאזט לויפן, וואוהין די פיס וועלן מיך פארטראגן.. און שטילקייט

ער איז מיט אמאל שטיל געבליבן. אין דעם פינצטערניש און יאמערן פון דער נאכט האבן זיך דערטראגן צו אונדז גסיסה-קרעכצן פון פאר-וואונדעטע און פארקריפלטע. זייערע רופן און אויסרופן האבן אזוי גע-מאטערט די נערוון, אז דעם שטארקסטן מענטשן האבן זיי געקאנט ארויס-פירן פון זינען. איך האב זיך אנגערופן צו מיין חבר: לאמיר וואס שנעלער פארלאזן דעם גיהנום, מיר וועלן דא נאך אומקומען פאר שרעק און צער אדער משוגע ווערן, בלייבנדיק דא ביז'ן ווייסן טאג.

— וואוהין וועלסטו גיין? — פרעגט ער מיך גלייכגילטיק.

— איך ווייס-ענטפער איך אים אביסל צעמישט — זאל זיין וואו עס איז, נאר ניט צו בלייבן דא אויפ'ן פעלד אין דער פאר-שאלטענער נאכט.

— און דעם קוילנווארפער וואוהין וועלן מיר הינטען?!

איך האב שוין אינגאנצן געהאט פארגעסן אין דעם הארטן קעגנשטאנד וואס איז געלעגן ביי זיין זייט.

— צו וואס דארפסטו זיך זארגן פאר'ן קוילנווארפער-האב איך ניט פארשטאנען — דו ביסט דאך ניט פון דער קאטעגאריע קוילנוואר-פער, זאל ער ליגן, וו ער ליגט. ער וועט דאך ניט פארלירן ווערן איבער נאכט און פון זינען אויך ניט ארויס..

— איך בין אבער פאראנטווארטלעך פאר אים — דאס איז שוין [illegible] אן אנדער געשיכטע, — און ער האט גענומען פארטזעצן אין דערציילן זיינע טראגישע איבערלעבונגען:

— „ניט פיל זענען געווען די גליקליכע, פון אונזער רע־
גימענט, ווען ס'האט זיך איינגעגעבן צו דערגרייכן דעם בארג־פלאנק—
„קאט"_נומער 140. פון אונזער באטאליאן האבן געציילטע זובה געווען
צוקומען צו דער פאזיציע „וואראזש בלאנק", וואו ס'האבן זיך געפונען
די דייטשע באטארייעס פון לייכטער ארטילעריע. די איבעריקע זענען געבליבן
צעזייט און צעשפרייט אויפ'ן פעלד, מער טויטע ווי פארוואונדעטע־ס" פון
די דייטשע קוילנווארפער, סיי פון דער ארטילעריע פון ביידע זייטן, ווייל
אונזערע „75־ער" האבן געהאט א גרויסן חלק אין דער געפערלעכן פארלוסט
וואס מיר האבן היינטיגן טאג געהאט.

ווען איך בין צוגעקומען צום וועג פון ב ע ש י ן,
זענען שוין די רעשטן גליקלעכע צוריקגעגאנגען אראפ פון בערגל זיך צו
שיצן פון דעם פייערדיקן האגל וואס האט זיך אויף זיי געשיט פון פארנט
און פון הינטן. אראפגייענדיק פון בערגל, האבן זיי מיט זיך מיטגעפירט
א גרופע דייטשע געפאנגענע, אויך וועלכע די אפריקאנער שיטער האבן גע־
וואלט דורכפירן דעם „עסקורט־באיאנעט"(פארניכטונג דורך דעם שפיז).
מיט גרויס מי און פאבנדעק מיט איבערגעקערטע ביקסן אין אלע זייטן האט
זיך מיר און אייניקע חברים איינגעגעבן ניט צולאזן די צעיושטע ווילדע
אראבער באגיין די שרעקלעכע טאט.

אין דעם מאמענט קומט צו מיר צו איינער פון אונזער
רעגימענט און רופט מיך צו העלפן ברענגען אויף א זיכערן פלאץ א
סאלדאט פון דער צווייטער סעקציע, וועלכער ליגט דורכגעלעכערט פון קוילנ־
ווארפער ביידע פיס. ניט ווייט פון אונז.
ווען מיר זענען צוגעקומען צום ארט, וואו דער פאר־
וואונדעטער איז געליגן, האט ער שוין גערעדט פון היץ; די אויגן

7)

— „ניט פיל זענען געווען די גליקלעכע פון אונזער רעגימענט, וואָס מען האָט זיך זיי אײַנגעגעבן צו דערגרייכן דעם באַרג־פלאַנק („קאַט")
נומ' 140

בײ אים זענען געװען האלב צוגעמאכט, פארלאָפן און רויט, די ליפּן
האָבן זיך באװעגט, אָבער קײן קלאנג איז ניט ארויסגעקומען פון מויל.
זײנע קלײדער זענען געװען דורכגעװײקט פון בלוט, די ערד ארום איז
געװען גליטשיק פון דער רויטער פליסיקײט און פליגן, גרויסע אזעלכע,
פון פארשידענע קאָלירן האָבן זיך דאָ געדרײט און געזשומעט. װען מיר
האָבן זיך גענומען פאָרן ארום אים, האָט ער ברײט געעפנט די אויגן
און אונז שטאר אָנגעקוקט; באלד איז ער געקומען צו זיך, אונז דער_
קענט און גענומען זיך קלאָגן און יאָמרן מיט אזא רחמנות'דיק קול,
װי א קלײן פּיצעלע קינד: „ראטעװעט מיך, ראטעװעט מיך! איך האָב א פרוי
מיט דרײ קלײנע קינדער! נעמט מיך אװעק פון דאַנעט, אויב ניט װעל איך
דאָ אויסגײן. גיט מיר א טריפּק װאסער, ס'טריקנט מיר אין מויל א שרעק!"
ס'איז אונז געלונגען אים צו פארבאנדאזשירן בײדע פיס מיט אונזערע
און זײנע באנדאזשן, דערנאָך האָבן מיר אים ארויסגעלעגט אויף אונזע_
רע הענט און אין צװײען ~~[illegible]~~ געטראָגן, ~~[illegible]~~ זוכנדיק א זיכער אָרט, װאו ער זאָל ~~[illegible]~~
זײן ~~[illegible]~~ אויסער געפאר פון די קוילן און װאו די זון זאָל ~~[illegible]~~ אים ניט ~~[illegible]~~
בראָטן מיט אירע פײערדיקע שטראלן. אזא אָרט האָבן מיר לאנג ניט גע_
דארפט זוכן, װײל דאָס גאנצע פעלד ארום דעם װעג און בערגל איז גע_
װען צערינצעלט מיט גרויסע און קלײנע גריבער פון די הארמאטן-קוילן.
צוקומענדיק צו אײנעם אזא גריב, האָבן מיר דאָרטן דערזען ליגן עטלעכע
סאָלדאטן פון די אלפּן-שיסער, װאָס זענען געװען אין אונזער עקסטן
לינקן פליגל. מיר האָבן זײ געפרעגט, צי זײ זענען פארװאונדעט. זײ
האָבן אונז געענטפערט, אז זײ זענען ניט פארװאונדעט, נאָר שטארק פאר_
מאטערט פון דעם טאָג, און אז זײ רוען זיך דאָ אביסל אָפּ. מיר האָבן
זײ געבעטן א שטיקל פלאץ פאר אונזער פארװאונדעטן חבר. מיר האָבן
דעם קראנקן אויסגעצויגן אין גריב, געמאכט אים באקװעם צו ליגן; איך
האָב אים געגעבן צו טרינקען א ביסל זיסע קאָפע מיט שנאפּס, װאָס מ'האָט

(4) 57

70626

אונז פאר דער אטאקע פארזארגט, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט די אלפּן-שיסער און געוואַלט ארויסגיין פון גריב, האָט זיך דער קראנקער
דאָ
אין אונז אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט און געשריגן: „לאָזט מיך ניט איבער אליין! איך וועל שטארבן אין דעם קבר, איך וועל אויסגיין פאר שרעק און ווייטיק, קיינער וועט ניט קומען מיר העלפן!" כדי זיך פון אים צו באפרייען, האָבן מיר אים געמוזט צוזאָגן, אז מיר וועלן באלד צוריקקומען מיט א קראנקן-קאר און אים אָפּפירן צום ערשטן הילפס-פלאץ פאר פאר-וואונדעטע.

ווי נאָר מיר זענען ארויסגעקומען פון גריב, זענען מיר באלד באגעגנט געוואָרן פון דער דייטשער שווערער ארטילעריע, און א„270-ער' צי אפשר טאקע א „305-ער" האָט א דונער געטאָן און זיך אויפגעריסן אינ-גאנצן עטלעכע מעטער ווייט פון אונז. בלויז פון דער לופט-אויפטרייסלונג זענען מיר אומגעפאלן אויף צוריק און פארשיט געוואָרן פון קאָפּ ביז פיס מיט שטיקער ערד. צום גליק, איז דאָס געווען ווייכע ערד, אזוי אז מיר האָבן זיך באלד געקאָנט אויפהויבן און פארזעצן אונזער וועג. דאן האָבן מיר דערזען פאר אונז א גרויסן פרישן גריב, וואָס דער אויפגעריס-סענער הארמאטן-קויל האָט געמאכט, פון וועלכן ס'האָט ארויסגעשטעקט א האלבער קערפער פון א נעגער, וועמענס ווייסע ציין האָבן ארויסגעשטאָכשעט פון זיין אָפן מויל און פינקלדיקע אויגן האָבן געווינקען און זיך געבעטן מיט אזא רחמנות, אז ~~[illegible]~~ מיר זענען, ניט ווילנדיק, צו אים צוגעצויגן געוואָרן. נאָר ער איז ניט געווען איינער. פון דעמזעלבן גריב האָבן ארויסגעשטעקט א פּאָר פיס בלויז אין דער לופטן-קיין קער-פער האָט מען ניט געזען. ווייטער האָבן מיר געזען ליגן א קאָפּ, נאָך ווייטער—א בויך אינגאנצן אָפן, וועמענס קישקעס זענען געווען צעוואָרפן ארום און ארום. ווען מיר זענען פארטיק געוואָרן מיט'ן ארויסשלעפּן דעם נעגער פון דער מאסע ערד ~~אַז~~ אויסגעמישט מיט מענטשלעכע גלידער

אזן שטיקער שטאָל און אלומיניום פונם הארמאט, האָבן מיר ערשט דער_
זען, אז ער האָט ניט קיין פיס._ לאָזן אים אזוי אויסגיין אין מיטן
פעלד אויף דער ברענענדיקער זון האָבן מיר שוין ניט געקאָנט נאָך אזוי_
פיל מי וואָס מיר האָבן געהאַט אים ארויסרייסן פון דער ערד. האָבן מיר
גענומען אונזערע ביקסן און אויף זיי איבערגעלעגט צוויי אנדערע ביקסן
שוין אָן די באַיאָנעטן, ארויפגעלעגט אויף דעם „בעטל" דעם נעגער און
אים אוועקגעטראָגן ביז א „הילפס-פּאָסט". דער דאָקטאָר פונם פּאָסט האָט
אונז דורכגעמוסר׳ט, וואָס מיר, געזונטע סאָלדאַטן, אנשטאָט צו גיין
פאָרויס אין דער אטאקע נעמען זיך גאָר פאר דער ארבעט פון די סאניטארן
און שלעפּן נאָך דערצו אזעלכע פארוואונדעטע וואָס מ׳קאָן שוין גאָרניט
העלפן.. מיר האָבן גאָרניט געענטפערט אויף זיין מוסר, נאָר א קוק געטאָן
אויפ׳ן נעגער, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן צו מינען אויף פארשידענע
קאָלירן און ס׳פּנים איז געוואָרן פון שוואַרץ בלוי און משונה׳דיק פאר_
קרומט...

פארלאָזנדיק דעם פעלד-לאזארעט, זענען מיר ווידער ארויס_
געקומען אויפ׳ן פרייען פעלד, וואָס האָט אויסגעזען שרעקלעכער ווי דאָס
בערגל ביי „אזורוש בלאנק". דאן רופט זיך צו מיר אָן מיין חבר: „מיר
מוזן דאָך רעטן דעם סאלדאט פון אונזער צווייטער סעקציע". „איך בין
מסכים"_ענטפער איך_ אָבער, ראשית, בין איך אין ספק, צי מיר וועלן
געפינען דעם גריב, אין וועלכן ער ליגט; והשנית, ווער ווייסט, צי מיר
וועלן אים דאָרטן געפינען א לעבעדיקן; והשלישית,_האָסט דאָך געהערט
דעם דאָקטאָר׳ס מוסר!_ער קאָן אונז נאָך אנצייכענען אלס דעזערטירן פון
דער ערשטער ליניע._ „דו האָסט רעכט_ענטפערט מיר מיין חבר_ מיר האָבן
דאָך אָבער צוגעזאָגט און פארזיכערט יענעם חבר, אז מיר וועלן קומען
אים פון גריב ארויסנעמען"._ איך ענטפער גאָרניט און מיר זעצן פאר
אונזער וועג. די קוילן פליען און פייפן איבער אונזערע קעפּ אויף